חיקע ברוריה וויגאַנד: כּלת־בראשית...

חיקע ברוריה ווײַגאַנד

# כלת־בראשית
# און אַנדערע לידער

צווײַשפּראַכיק לידערבוך
ייִדיש — עבֿרית



ה. לייוויק־פֿאַרלאַג

תּל־אָבֿיבֿ תשע״ח / 2018

חיקע ברוריה ויגנד

# כלת־בראשית
## ועוד שירים

ספר שירים דו־לשוני
יידיש — עברית



הוצאת ה. לייוויק

תל־אביב תשע"ח / 2018

חיקע ברוריה וויגאַנד

**כלת־בראשית**
**און אַנדערע לידער**

חיקע ברוריה ויגנד

**כלת־בראשית**

**ועוד שירים**

ISBN 978-965-7348-47-5

©
כל הזכויות שמורות

עטיפה :
סידור ועימוד : **לאוניד רחמן**
איורים : **חיקע ברוריה וויגאַנד**
הדפסה : **שחף**

H. Leyvick Publishing House T.A.
Printed in Israel 2018



פֿאָטאָגראַפֿיע : אַיאַ חנה בראָמאַן

חיקע ברוריה וויגאַנד

# כּלת־בראשית און אַנדערע לידער

חיקע ברוריה ויגנד

# כלת־בראשית
# ועוד שירים

# אַ דאַנקוואָרט

דאָס דאָזיקע בוך איז די צווייטע צוויי־שפּראַכיקע זאַמלונג פֿון מײַן פּאָעזיע. די זאַמלונג גייט אַרויס אין צוויי באַזונדערע אויסגאַבעס : ייִדיש ־ ענגליש און ייִדיש ־ העברעיִש. עס קומט אַ גרויסער יישר־כּוח דעם ה. לייוויק־פֿאַרלאַג אין תּל־אָבֿיבֿ און זײַן ראָש דניאל גלאַי פֿאַר פֿאַרעפֿנטלעכן ביידע אויסגאַבעס פֿון אָט דעם לידערבוך – און אַ גרויסן דאַנק דניאל גלאַיען פֿאַרן פֿרײַנדלעכן ברוך־הבא אין תּל־אָבֿיבֿ אין יאַנואַר 2017 און פֿאַר זײַן צוטרוי צו מיר און זײַן התלהבֿות צו פֿאַרעפֿנטלעכן אַ צווייטע זאַמלונג פֿון מײַן פּאָעזיע. אַ שיינעם דאַנק דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ פֿאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל פֿאַר זייער פֿינאַנציעלער שטיצע, וואָס האָט דערמעגלעכט דעם ה. לייוויק־פֿאַרלאַג אַרויסצוגעבן דעם ייִדיש־העברעיִשן נוסח פֿון מײַן בוך. און אַ באַזונדערער דאַנק קומט אויך מײַנע טײַערע עלטערן אלישבֿע און מאַנפֿרעד וויגאַנד פֿאַר זייער ברייטהאַרציקער פֿינאַנציעלער שטיצע פֿאַרן ייִדיש־ענגלישן נוסח !

אַ דאַנק די אַלע גענײטע פּאָעטישע איבערזעצערס אין ישׂראל, וואָס האָבן איבערגעזעצט מײַן פּאָעזיע אויף העברעיִש – און בפֿרט דער וווּנדערלעכער פּאָעטעסע רבֿקה באַסמאַן בן־חיים. און עס קומט אַ גרויסער יישר־כּוח מײַן טײַערן פֿרײַנד ווינצענט האָמאָלקאַ (לאָנדאָן) פֿאַר איבערלייענען דעם גאַנצן ייִדיש־ענגלישן נוסח פֿון מײַן כּתבֿ־יד און פֿאַר אַלע זײַנע ניצלעכע פֿאָרלייגן ווי אַזוי צו פֿאַרבעסערן מײַנע ענגלישע איבערזעצונגען !

אַ דאַנק מײַן בעסטער חבֿרטע אַיאַ חנה בראָמאַן (לאַפּענראַנטאַ, פֿינלאַנד) און מײַנע אַלע גוטע פֿרײַנד איבער דער גאָרער וועלט פֿאַר זייער פֿרײַנדשאַפֿט און דערמוטיקונג, בפֿרט עוואַ נוימאַן (סטאָקהאָלם), איוו יאָכנאָוויץ (ניו־יאָרק), יצחק ניבאָרסקי, רובי מאָנע, נאַטאַליאַ קריניצקאַ, שרון בר־כּוכבא און פֿיליפּ בוקאַראַ (פּאַריז) און סטיוון וואָטס און קריסטינאַ וויטי (לאָנדאָן). אַ דאַנק אַלע פֿרײַנד פֿון מײַן לאָנדאָנער ייִדיש־סבֿיבֿה פֿאַר זייער פֿרײַנדשאַפֿט און פֿאַר שטיצן מיך אין מײַנע

ייִדיש־קולטורעלע און קינסטלערישע באַמיִונגען, בפֿרט טאַמאַראַ גלי־סאָן פֿרידבערג & אַרטוראָ קערבל־שײַן, מיכאל & רחל הײַזער, אַהרון גערש און תּהילה בינה האָסט – און אַ דאַנק מײַנע פֿרײַנד אין מײַן צפֿון־לאָנדאָנער קהילה NNLS פֿאַר זייער פֿרײַנדשאַפֿט און אונטערשטיצונג, בפֿרט דוד צבֿי טײלאָר, גרעגאָרי סער, ליליאַ טאַלאַלאָוואַ, אַרקאַדי געגעל, אַלברעכט ריטשל, אַנדרו לוי און הרבֿ יהונתן וויטענבערג.

אַ דאַנק מײַנע אַלע סטודענטן, סײַ אין אָקספֿאָרדער אוניווערסיטעט, סײַ אין מײַנע קלאַסן פֿאַר דער "ספּיראָ אַרק" אין לאָנדאָן, וואָס האָבן זיך געלערנט ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור מיט מיר מיט גרויס התלהבֿות, און וואָס עטלעכע פֿון זיי האָבן מיר אַפֿילו אַ מאָל צוגעגעבן אַ שטיקל אינספּיראַציע פֿאַר מײַן פּאָעזיע. אַ דאַנק מײַן פֿרײַנד (און געוועזענעם ייִדיש־סטודענט אין לאָנדאָן) יהונתן וואָלפֿסאָן וואָס האָט אינספּירירט עטלעכע פֿון די לידער אינעם דריטן און לעצטן הויפּט־טייל פֿון אָט דער זאַמלונג – דירעקט צי אומדירעקט.

ואַחרון אַחרון חבֿיבֿ : אַ גרויסן דאַנק מײַן טײַערן חבֿר שלמה דניאל ווײַזער (מאַנטואַ / לאָנדאָן) פֿאַר אויפֿנעמען דעם קאָנטאַקט מיט מיר נאָך אַ מאָל גאַנץ אומגעריכט נאָך אַזאַ לאַנגער צײַט – און דווקא פּונקט צו דער צײַט, אין אַ מאָמענט פֿון קריזיס – און פֿאַר העלפֿן מיר צו פֿאַרשטיין נאָך אַ מאָל, וואָס עס איז טאַקע וויכטיק אין לעבן !

*איך וויל ווידמען דאָס לידערבוך דעם אָנדענק פֿון ציפּע בערענפֿעלד פֿון סימפֿעראָפּאָל, וואָס איז אומגעקומען אין סימפֿעראָפּאָל אין 1941 אין עלטער פֿון 8 יאָר.*

**חיקע ברוריה וויגאַנד (לאָנדאָן, סעפּטעמבער 2017)**

תודה לקבוצת המשתתפים בחוג היידיש החווייתי
של בית לייוויק על התרגומים לעברית: מייק, אלי,
לאה, שוש, מרים, איילה, חנה, טובה, דניאל ורוני.

# כלת־בראשית

איך בין די כּלה
פֿונעם אָנהייב
פֿון דער באַשאַפֿונג,
די זינגערין פֿון גראָזן.

הערט זיך צו
צו די קלאַנגען
פֿון בראשית,
צום רוישן פֿון די וואַסערן
אין דער פֿינצטער,
צום ערשטן וואָרט
פֿון דער באַשאַפֿונג :
„*יהי אור*“,
און עס איז געוואָרן ליכט.
דער אָנהייב
פֿון דער באַשאַפֿונג.

איך בין די כּלה
פֿונעם אָנהייב
פֿון דער באַשאַפֿונג,
די זינגערין פֿון גראָזן.

# כַּלַּת־בְּרֵאשִׁית

אֲנִי הַכַּלָּה
מִן הָרֵאשִׁית
מִן הַבְּרִיאָה,
זַמֶּרֶת הָעֲשָׂבִים.

הַקְשִׁיבוּ נָא
לַצְּלִילִים שֶׁל
בְּרֵאשִׁית,
לְרַחַשׁ פַּלְגֵי מַיִם
בַּחֲשֵׁכָה,
לַמִּלָּה הָרִאשׁוֹנָה
שֶׁל הַבְּרִיאָה
„*יְהִי אוֹר*",
וַיְהִי אוֹר
רֵאשִׁיתָהּ
שֶׁל הַבְּרִיאָה.

אֲנִי הַכַּלָּה
מִן הָרֵאשִׁית
מִן הַבְּרִיאָה,
זַמֶּרֶת הָעֲשָׂבִים.

גראָזן וואַקסן פּאַמעלעך
איבערן פּנים פֿון דער ערד,
איבער די ווּנדן
פֿונעם האַרץ פֿון דער וועלט.
דאָס האַרץ פֿון דער וועלט
דאַרף אַ נײַעם אָנהייב.

איך בין די כּלה
פֿונעם נײַעם אָנהייב,
די זינגערין פֿון גראָזן.

נאָר די זינגערין פֿון גראָזן איז מיד
און אומגעדולדיק.
זאָל דער נײַער אָנהייב
שוין קומען באַלד !

עֲשָׂבִים צוֹמְחִים לְאִטָּם
עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה,
עַל הַפְּצָעִים
שֶׁל לֵב הָעוֹלָם.
לֵב הָעוֹלָם
זָקוּק לְרֵאשִׁית חֲדָשָׁה.

אֲנִי הַכַּלָּה
שֶׁל הַהַתְחָלָה הַחֲדָשָׁה,
זַמֶּרֶת הָעֲשָׂבִים.

אַךְ זַמֶּרֶת הָעֲשָׂבִים עֲיֵפָה
וְקִצְרַת רוּחַ.
שֶׁתָּבוֹא כְּבָר הָרֵאשִׁית הַחֲדָשָׁה
שֶׁתַּגִּיעַ מִיָּד !


שבת
שלום

# שיר־השירימדיקע פֿונקען

# נִיצוֹצוֹת שֶׁל שִׁיר הַשִּׁירִים

# שיר־השירימדיקע פֿונקען

פֿײַערדיקע פֿונקען שפּריצן
אום שבת,
טונקען זיך אײַן
אין אַ ים פֿון ליכט,
גיבן צו כּוח
די קלאַנגען פֿון שיר־השירים,
די געזאַנגען פֿון טירטל־טויבן,
דעם ראָזעווען צוויט
פֿון פּסחדיקע ביימער,
פֿילן אָן מיט סודות
די שטילקייט פֿון סעדער,
פֿאַרשמעקן די לופֿט
מיט רויזן־דופֿט
און פּאָעזיע

וואָס קען זײַן בעסערס
אויף דער וועלט ?

שיר־השירימדיקע פֿונקען...

# נִיצוֹצוֹת שֶׁל שִׁיר הַשִּׁירִים

נִיצוֹצוֹת שֶׁל אֵשׁ נִתָּזִים
בְּשַׁבָּת,
צוֹלְלִים
בְּיָם שֶׁל אוֹר,
נוֹתְנִים כֹּחַ
לְצִלְלֵי שִׁיר הַשִּׁירִים,
לְשִׁירוֹ שֶׁל הַתּוֹר,
לַפְּרִיחָה הַוְּרֻדָּה
שֶׁל עֲצֵי הַפֶּסַח,
מְמַלְּאִים בְּסוֹדוֹת
אֶת דְּמָמַת הַסַּחְלָבִים
מְבַשְּׂמִים אֶת הָאֲוִיר
בְּנִיחוֹחַ וְרָדִים
וְשִׁירָה.

הֲיָכוֹל לִהְיוֹת טוֹב יוֹתֵר
בָּעוֹלָם?

נִיצוֹצוֹת שֶׁל שִׁיר הַשִּׁירִים...

## ידיד־נפֿש

פֿרײַנד פֿון מײַן נשמה –
שבת –
וואָס שפּילסטו זיך מיט מיר ?

גיסט מיר דעם נשמה־ווײַן
פֿון דײַנע ניגונים
מיט פֿולע כּוסות –
נאָר אָן אַ ווידערקול.
גיסט מיר דעם פּאָעזיע־כּישוף
פֿון דײַנע קלאַנגען
מיט פֿולע זשמעניעס –
נאָר אָן באַריה.

פֿרײַנד פֿון מײַן נשמה –
שבת –
וואָס שפּילסטו זיך מיט מיר ?

פֿירסט צונויף חסד מיט גבֿורה
אין אַ שטראַלן־נעץ
פֿון חדווה –
נאָר אָן גשמיות.
וועקסט אויף
גאַנץ אומגעריכט
מײַן נשמה־יתירה,
וואָס איז געשלאָפֿן טיף אין מיר –
נאָר אָן אַ חלום פֿון צוקונפֿט.

# יְדִיד־נֶפֶשׁ

יְדִיד־נֶפֶשׁ –
שַׁבָּת –
מָה אַתָּה מְשַׂחֵק אִתִּי ?

מְזֹג לִי אֶת יֵין־הַנְּשָׁמָה
מִנִּגּוּנֶיךָ
בְּכוֹסוֹת גְּדוּשׁוֹת –
אַךְ לְלֹא הֵד.
מְזֹג לִי אֶת כִּשּׁוּף־הַשִּׁירָה
שֶׁל צְלִילֶיךָ
בִּמְלוֹא הֶחֳפָנַיִם –
אַךְ לְלֹא מַגָּע.

יְדִיד־נֶפֶשׁ –
שַׁבָּת –
מָה אַתָּה מְשַׂחֵק אִתִּי ?

אַתָּה מְצָרֵף יַחְדָּו חֶסֶד וּגְבוּרָה
בְּרֶשֶׁת זוֹהֶרֶת
שֶׁל חֶדְוָה –
וּלְלֹא גַּשְׁמִיּוּת.
אַתָּה מְעוֹרֵר
לְפֶתַע פִּתְאוֹם
אֶת הַנְּשָׁמָה הַיְּתֵרָה שֶׁלִּי,
שֶׁיְּשֵׁנָה עָמֹק בְּקִרְבִּי –
לְלֹא חֲלוֹם לֶעָתִיד.

פֿרײַנד פֿון מײַן נשמה –
שבת –
וואָס שפּילסטו זיך מיט מיר ?

צי האָט אַזאַ נשמה־ווײַן פֿון ניגונים
דען אַ האַפֿט ?
צי האָט אַזאַ פּאָעזיע־כּישוף פֿון קלאַנגען
דען אַ קיום ?
צי האָט אַ נשמה־יתירה
אויך אַ שאָטן ?

פֿרײַנד פֿון מײַן נשמה –
שבת !

פֿרײַנד פֿון מײַן נשמה –
שבת –
לאָמיר זיך שפּילן כאָטש דערווײַל...

יְדִיד־נֶפֶשׁ –
שַׁבָּת –
מָה אַתָּה מְשַׂחֵק אִתִּי ?

הַאִם לְיֵין־נְשָׁמָה שֶׁל אֵלּוּ נִגּוּנִים
יֵשׁ קִיּוּם?
הַאִם לְשִׁירָה מְכַשֶּׁפֶת שֶׁל אֵלּוּ הַצְּלִילִים
יֵשׁ קִיּוּם?
הַאִם לַנְּשָׁמָה הַיְּתֵרָה
יֵשׁ גַּם צֵל ?

יְדִיד־נֶפֶשׁ –
שַׁבָּת !

יְדִיד־נֶפֶשׁ –
שַׁבָּת –
בֵּינְתַיִם, הָבָה נְשַׂחֵק...

# שלום־עליכם

קומט אַרײַן בשלום,
איר מלאכים פֿון שלום,
איר מלאכים פֿונעם אייבערשטן –

מיט בלויע, צאַרטע פֿליגלען,
מיט בלישטשענדיקע שוואַרצאַפּלען,
מיט פֿאַרחלומטע געזאַנגען,
מיט פֿאַרהוילענע קלאָרקייטן.

און עס בינדן זיך צונויף
די העכסטע הייכן
פֿון חדווה
מיט די טיפֿסטע טיפֿענישן
פֿון נשמה־באַריה.

און עס שמעלצן זיך צונויף
די וויַיטסטע ווײַטקייטן
פֿון מעגלעכקייט
מיט די נאָענסטע נאָענטקייטן
פֿון מתיקות.

# שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם

שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם,
מַלְאֲכֵי הַשָּׁלוֹם,
מַלְאֲכֵי אֵל עֶלְיוֹן –

עִם כְּנָפַיִם כְּחֻלּוֹת, עֲדִינוֹת,
עִם אִישׁוֹנִים מְנַצְנְצִים,
עִם מִזְמוֹרִים חֲלוֹמִיִּים,
עִם בְּהִירוּת עֲלוּמָה.

וְנִקְשָׁרִים יַחְדָּו
גָּבְהֵי הַגְּבָהִים
שֶׁל הַחֶדְוָה
עִם תְּהוֹמֵי הַתְּהוֹמוֹת
שֶׁל מַגַּע־הַנְּשָׁמָה.

וּמִתְעַרְבְּבִים יַחְדָּו
מֶרְחַקֵּי הַמֶּרְחַקִּים
שֶׁל הָאֶפְשָׁר
עִם סְמִיכוּת הַקִּרְבָה
שֶׁל הַמְּתִיקוּת.

בענטשט מיך מיט שלום,
איר מלאכים פֿון שלום,
איר מלאכים פֿונעם אייבערשטן.
בענטשט מיך כאָטש
מיט שלום !

בָּרְכוּנִי לְשָׁלוֹם,
מַלְאֲכֵי הַשָּׁלוֹם,
מַלְאֲכֵי אֵל עֶלְיוֹן.
לְפָחוֹת בָּרְכוּנִי
לְשָׁלוֹם !

# *ריר ניט אָן...*

ריר ניט אָן דאָס פֿלעמל !
עס קען זיך פֿאַרלעשן.
ריר ניט אָן דאָס בלימל !
עס קען פֿאַרוויאַנען.
ריר ניט אָן די שטוב, די היים !
זי קען זיך צעפֿאַלן.

אַ ווינטל קען אַלץ צעשטערן,
מיט אַ מאָל,
גאַנץ אומגעריכט.
מײַן פֿרײַנד,
זײַ פֿאָרזיכטיק !

ריר ניט אָן דאָסביימל !
עס קען זיך אַנטוואָרצלען.
ריר ניט אָן דאָס וואָלקנדל !
עס קען זיך פֿאַרכמאַרען.
ריר ניט אָן דעם באַרג !
ער קען זיך נאָך רירן פֿון אָרט.

אַ ווינטל קען אַלץ צעשטערן,
מיט אַ מאָל,
גאַנץ אומגעריכט.
מײַן פֿרײַנד,
זײַ פֿאָרזיכטיק !

## אַל תִּגַּע...

אַל תִּגַּע בַּלֶּהָבָה !
הִיא עֲלוּלָה לִכְבּוֹת
אַל תִּגַּע בַּפֶּרַח !
הוּא עָלוּל לִנְבֹּל.
אַל תִּגַּע בַּבִּנְיָן, בַּבַּיִת !
הוּא עָלוּל לְהִתְמוֹטֵט.

רוּחַ קַלָּה עֲשׂוּיָה לְהַחְרִיב הַכֹּל,
בְּבַת אַחַת,
לְגַמְרֵי בְּמַפְתִּיעַ.
חָבֵר,
הִזָּהֵר !

אַל תִּגַּע בָּאִילָן !
הוּא עָלוּל לְהֵעָקֵר.
אַל תִּגַּע בֶּעָנָן !
שֶׁמָּא יַהֲפֹךְ לְקוֹדֵר.
אַל תִּגַּע בָּהָר !
הוּא עוֹד עָלוּל לָזוּז מִמְּקוֹמוֹ.

רוּחַ קַלָּה עֲשׂוּיָה לְהַחְרִיב הַכֹּל,
בְּבַת אַחַת,
לְגַמְרֵי בְּמַפְתִּיעַ.
חָבֵר,
הִזָּהֵר !

ריר ניט אָן דאָס פֿייגעלע !
עס קען זיך פֿאַרוווּנדיקן.
ריר ניט אָן די ליבשאַפֿט !
זי קען פֿאַרגיין.
ריר ניט אָן מײַן האַרץ !
עס קען זיך צעברעכן.

אַ ווינטל קען אַלץ צעשטערן,
מיט אַ מאָל,
גאַנץ אומגעריכט.
מײַן פֿרײַנד,
זײַ פֿאָרזיכטיק !

און אפֿשר פֿאָרט ?
ריר אָן מײַן האַרץ !
איך בין גרייט.

אַל תִּגַּע בַּצִּפּוֹר !
הִיא עֲלוּלָה לְהִפָּצַע.
אַל תִּגַּע בָּאַהֲבָה !
הִיא עֲלוּלָה לַחְלֹף.
אַל תִּגַּע בְּלִבִּי !
הוּא עָלוּל לְהִשָּׁבֵר.

רוּחַ קַלָּה עֲשׂוּיָה לְהַחְרִיב הַכֹּל,
בְּבַת אַחַת,
לְגַמְרֵי בְּמַפְתִּיעַ.
חָבֵר,
הִזָּהֵר !

וְאוּלַי בְּכָל זֹאת,
גַּע בְּלִבִּי !
אֲנִי מוּכָנָה.

# זײַ רויִק, מײַן האַרץ !

אויף וויפֿל די ווינטן
זאָלן ניט ברומען,
אויף וויפֿל די שטורעמס
זאָלן ניט בושעווען,
זײַ רויִק, מײַן האַרץ !

ווי ווײַט דער מהלך
זאָל ניט זײַן,
ווי לאַנג דו וועסט
ניט דאַרפֿן וואַרטן,
זײַ רויִק, מײַן האַרץ !

וויפֿל ימען
דו וועסט ניט דאַרפֿן אַריבער,
וויפֿל מדבריות
דו וועסט ניט דאַרפֿן אַדורך,
זײַ רויִק, מײַן האַרץ !

דו ביסט ווי אַ דאָרן,
וואָס ברענט
און ווערט ניט פֿאַרברענט.
אין דיר קלינגט דאָס קול
פֿונעם אייבערשטן.

## הֱיֵה רָגוּעַ, לִבִּי !

עַד כַּמָּה שֶׁהָרוּחוֹת
יִנְשְׁבוּ,
עַד כַּמָּה שֶׁהַסְּעָרוֹת
יִשְׁתּוֹלְלוּ,
הֱיֵה רָגוּעַ, לִבִּי !

עַד כַּמָּה
שֶׁתֶּאֱרַךְ הַדֶּרֶךְ
עַד כַּמָּה
שֶׁתִּצְטָרֵךְ לְהַמְתִּין,
הֱיֵה רָגוּעַ, לִבִּי !

עַד כַּמָּה יָמִים
שֶׁתִּדָּרֵשׁ לִצְלֹחַ,
כַּמָּה מִדְבָּרִיּוֹת
שֶׁתִּדָּרֵשׁ לַעֲבֹר,
הֱיֵה רָגוּעַ, לִבִּי !

אַתָּה כְּמוֹ סְנֶה,
שֶׁבּוֹעֵר
וְלֹא מִתְכַּלֶּה.
מִתּוֹכְךָ בּוֹקֵעַ הַקּוֹל
הָאֱלֹהִי.

ווי שטאַרק דאָס פֿײַער
זאָל ניט ברענען,
ווי גרויס די אומרו
זאָל ניט זײַן,
זײַ רויִק, מײַן האַרץ !

עַד כַּמָּה גָּבוֹהַּ שֶׁהָאֵשׁ
תִּבְעַר,
עַד כַּמָּה רַב יְהֵא
אִי הַשֶּׁקֶט
הֱיֵה רָגוּעַ, לִבִּי !

# האַרבסטיקע לידער

צום אָנדענק פֿון ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן (2013–1920)

איך זינג שוין האַרבסטיקע לידער –
פֿון פֿאַלנדיקע בלעטער
און פֿליִענדיקע רעיונות,
פֿון אַלטע ווײַנען
און יונגע זכרונות.
איך זינג שוין האַרבסטיקע לידער.

איך טראַכט שוין האַרבסטיקע געדאַנקען –
פֿון קאַלטע נעכט
און שטורעמדיקע קלאַנגען,
פֿון פֿאַרנעפּלטע וועגן
און פֿאַרבענקטע געזאַנגען.
איך טראַכט שוין האַרבסטיקע געדאַנקען.

עס חלומען זיך מיר שוין האַרבסטיקע חלומות –
פֿון אַ האַרבסטיקן חבֿר,
וואָס איך האָב אים האָלט,
פֿון נײַע האָפֿענונגען
און קוישן גאָלד.
עס חלומען זיך מיר שוין האַרבסטיקע חלומות.

איך זינג שוין האַרבסטיקע לידער...

# שִׁירֵי סְתָו

לְזִכְרָהּ שֶׁל ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן (1920–2013)

אֲנִי כְּבָר שָׁרָה שִׁירִים שֶׁל סְתָו –
עָלִים נוֹשְׁרִים
וְרַעְיוֹנוֹת מִתְעוֹפְפִים,
עַל יֵינוֹת עַתִּיקִים
וְעַל זִכְרוֹנוֹת צְעִירִים.
אֲנִי כְּבָר שָׁרָה שִׁירִים שֶׁל סְתָו.

אֲנִי כְּבָר חוֹשֶׁבֶת מַחְשָׁבוֹת שֶׁל סְתָו –
עַל לֵילוֹת קָרִים
וּצְלִילִים רוֹעֲמִים,
עַל דְּרָכִים מְעֻרְפָּלוֹת
וּמִזְמוֹרֵי גַּעְגּוּעִים.
אֲנִי כְּבָר חוֹשֶׁבֶת מַחְשָׁבוֹת שֶׁל סְתָו.

כְּבָר בָּאִים אֵלַי חֲלוֹמוֹת שֶׁל סְתָו –
עַל חָבֵר שֶׁל סְתָו,
שֶׁבּוֹ אֲנִי מַאֲמִינָה ,
עַל תִּקְווֹת חֲדָשׁוֹת
וַעֲרֵמוֹת זָהָב.
כְּבָר בָּאִים אֵלַי חֲלוֹמוֹת שֶׁל סְתָו.

אֲנִי כְּבָר שָׁרָה שִׁירִים שֶׁל סְתָו...

# טרינקען אַ לחיים

טרינקען אַ לחיים
מיטן העלפֿאַנט
אינעם צימער —
יין־המשומר —
פּאָעזיע־ווײַן
אין דער שפּראַך
פֿון גן־עדן :
לשון־קודש
צי ייִדיש,
פּויליש
צי סאַנסקריט.
דער ווײַן פֿון פּאָעזיע
האָט דעם זעלביקן טעם־גן־עדן
אויף אַלע לשונות
פֿון דער וועלט —
נאָר אין אַן אַנדער לבֿוש.

# לִשְׁתּוֹת לְחַיִּים

לִשְׁתּוֹת לְחַיִּים
עִם פִּיל
בְּחֶדֶר –
יֵין־הַמְּשֻׁמָּר –
יֵין הַשִּׁירָה
בִּשְׂפַת
גַּן־הָעֵדֶן:
לְשׁוֹן־קֹדֶשׁ
אוֹ יִידִישׁ,
פּוֹלָנִית
אוֹ סַנְסְקְרִיט.
לְיֵין־הַשִּׁירָה
אוֹתוֹ טַעַם־גַּן־עֵדֶן
בְּכָל לְשׁוֹנוֹת
הָעוֹלָם –
רַק בִּלְבוּשׁ אַחֵר.

טרינקען אַ לחיים
מיט אַ גײַסט
פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט
אין אַ נײַעם גילגול –
מיטן וועלטגײַסט,
וואָס טרינקט אַ לחיים
לכּבֿוד זיך אַליין,
און עס אַרט אים ניט,
וואָס וועלטן
און הערצער
קערן זיך איבער –
יעדע וועלט
אַן עולם־קטן,
וואָס בלאָנדזשעט אין חלל.

טרינקען אַ לחיים
מיט אַ מלאך
צי מיט אַ רוח,
מיט אַ חלום
צי מיט אַן אמתדיקן תּושבֿ
פֿון יענער זײַט ממשות ?

טרינקען אַ לחיים
מיט אַ לאַנג־פֿאַרגעסענעם פֿרײַנד...

לִשְׁתּוֹת לְחַיִּים
עִם רוּחַ
הֶעָבָר
בְּגִלְגּוּל חָדָשׁ –
שֶׁל רוּחַ הָעוֹלָם,
אֲשֶׁר שׁוֹתָה לְחַיִּים
לִכְבוֹדוֹ בִּלְבַד,
וְלֹא אִכְפַּת לוֹ,
שֶׁעוֹלָמוֹת
וּלְבָבוֹת
מִתְהַפְּכִים –
כָּל עוֹלָם
הוּא עוֹלָם־קָטָן,
שֶׁתּוֹעֶה בֶּחָלָל.

לִשְׁתּוֹת לְחַיִּים
עִם מַלְאָךְ
עִם רוּחַ,
עִם חֲלוֹם
אוֹ עִם תּוֹשַׁב אֱמֶת
מֵהַצַּד הַשֵּׁנִי שֶׁל הַיְקוּם ?

לִשְׁתּוֹת לְחַיִּים
עִם חָבֵר שֶׁנִּשְׁכַּח
מִזְּמַן...



# אַ גרוס פֿונעם לאַנד
# פֿון חלומות

# דְּרִישַׁת שָׁלוֹם
# מֵאֶרֶץ הַחֲלוֹמוֹת

## אַ גרויס פֿונעם לאַנד פֿון חלומות

איך שיק דיר אַ גרוס
פֿונעם לאַנד
פֿון חלומות,
דאָס ליכט
פֿון די איידלשטיינער
אינעם בויך
פֿון יונהס וואַלפֿיש,
דאָס ליד
פֿון דער טירטלטויב
אין שיר־השירים
אָדער אפֿשר
אַ מלאכס אַ טרער...
איך שיק דיר אַ גרוס
פֿונעם לאַנד
פֿון חלומות.

# דְּרִישַׁת שָׁלוֹם מֵאֶרֶץ הַחֲלוֹמוֹת

אֲנִי שׁוֹלַחַת לְךָ דְּרִישַׁת שָׁלוֹם,
מֵאֶרֶץ
הַחֲלוֹמוֹת,
הָאוֹר
שֶׁל אַבְנֵי הַחֵן
בְּבִטְנוֹ
שֶׁל הַלִּוְיָתָן שֶׁל יוֹנָה,
שִׁירוֹ
שֶׁל הַתּוֹר
בְּשִׁיר הַשִּׁירִים
אוֹ שֶׁמָּא
דִּמְעַת מַלְאָךְ...
אֲנִי שׁוֹלַחַת לְךָ דְּרִישַׁת שָׁלוֹם
מֵאֶרֶץ
הַחֲלוֹמוֹת.

איך שיק דיר אַ גרוס
פֿונעם לאַנד
פֿון חלומות,
אין דער פֿרי,
ווען דו דערוואַכסט,
ווען די מאָרגנשטערן
זינגען אין איינעם.
דייַן נשמה
איז אַ טורקוזענע,
איר ליכט
איז ווי דאָס ליכט
פֿון זיבן זונען,
אין דער פֿרי,
ווען דו דערוואַכסט.

איך שיק דיר אַ גרוס
פֿונעם לאַנד
פֿון חלומות,
אין דער פֿרי,
ווען דו דערוואַכסט.

אֲנִי שׁוֹלַחַת לְךָ דְּרִישַׁת שָׁלוֹם
מֵאֶרֶץ
הַחֲלוֹמוֹת
בַּבֹּקֶר,
כְּשֶׁאַתָּה מִתְעוֹרֵר,
כְּשֶׁכּוֹכְבֵי הַשַּׁחַר
מְזַמְּרִים יַחְדָּו.
נִשְׁמָתְךָ
הִיא כְּטוּרְקִיז
אוֹרָהּ
הִיא כְּמוֹ הָאוֹר
שֶׁל שֶׁבַע הַשְּׁמָשׁוֹת
בַּבֹּקֶר,
כְּשֶׁאַתָּה מִתְעוֹרֵר.

אֲנִי שׁוֹלַחַת לְךָ דְּרִישַׁת שָׁלוֹם
מֵאֶרֶץ
הַחֲלוֹמוֹת
בַּבֹּקֶר,
כְּשֶׁאַתָּה מִתְעוֹרֵר.

## ווען די מלאכים דערוואַכן

ווען די מלאכים דערוואַכן
אין דער פֿרי,
זענען דײַנע האָר
נאָך צעשויבערט
פֿון שלאָף.

ווען די מלאכים דערוואַכן
אין דער פֿרי,
נאָך אַ פֿינצטערע,
צעווילדעוועטער נאַכט,
אַ נאַכט פֿון חושך,
אַ נאַכט פֿון צעוואָרפֿנקייט,
און אַרום נאָר פֿינצטערניש
און פֿינצטערניש,
אַ נאַכט פֿון ייִאוש,
אַ נאַכט פֿון פֿאַרלוירנקייט,
און אַרום נאָר פֿינצטערניש
און פֿינצטערניש,
אַ נאַכט פֿון
„ווען וועט עס ווידער ווערן טאָג ?“

און פּלוצלינג
גנבֿעט זיך אַרײַן
אַ מלאך,
ווי אַ מאָרגנשטראַל,
אַ שטילער, אַ באַהאַלטענער,

# כְּשֶׁהַמַּלְאָכִים מִתְעוֹרְרִים

כְּשֶׁהַמַּלְאָכִים מִתְעוֹרְרִים
בַּבֹּקֶר,
שְׂעָרָךְ
עֲדַיִן פָּרוּעַ
מֵהַשֵּׁנָה.

כְּשֶׁהַמַּלְאָכִים מִתְעוֹרְרִים
בַּבֹּקֶר,
אַחֲרֵי לַיְלָה,
אָפֵל וּפָרוּעַ,
לֵיל חֹשֶׁךְ,
לֵיל הֶרֶס,
וּמִסָּבִיב רַק אֲפֵלָה
וַחֲשֵׁכָה,
לֵיל יֵאוּשׁ,
לַיְלָה שֶׁל אֲבַדּוֹן,
וְסָבִיב רַק אֲפֵלָה
וְחֹשֶׁךְ,
לַיְלָה שֶׁל
"מָתַי שׁוּב יָאִיר הַיּוֹם?"

וּפִתְאוֹם
מִתְגַּנֵּב פְּנִימָה
מַלְאָךְ,
וּכְמוֹ קֶרֶן שַׁחַר,
שָׁקֵט, חָבוּי,

און זאָגט דיר אַ „גוט־מאָרגן“
גלײַך אין פּנים אַרײַן,
און אין פֿאַרבײַגיין,
גלאַט אַזוי,
רירט ער אָן
מײַן נשמה
מיט אַ פֿליגל.

אין דער פֿרי,
ווען די מלאכים דערוואַכן,
און דײַנע האָר
זענען נאָך צעפּאַטלט
פֿון שלאָף,
איז מײַן נשמה
שוין צעשויבערט
פֿון אַ מאָרגנשטראַל.

ווען די מלאכים דערוואַכן
אין דער פֿרי...

אוֹמֵר לָךְ „בֹּקֶר טוֹב"
כָּךְ יָשָׁר בַּפָּנִים,
וּבְחָלְפוֹ,
מְלַטֵּף כָּךְ,
נוֹגֵעַ הוּא
בְּנִשְׁמָתִי
בְּכָנָף.

בַּבֹּקֶר,
כְּשֶׁהַמַּלְאָכִים מִתְעוֹרְרִים
וְשֵׂעָרֵךְ
עֲדַיִן סָתוּר
מִשֵּׁנָה,
נִשְׁמָתִי
כְּבָר פְּרוּעָה
מִקֶּרֶן בֹּקֶר.

כְּשֶׁהַמַּלְאָכִים מִתְעוֹרְרִים
בַּבֹּקֶר...

# אַ חלום פֿון גאַנצקייט

## דאָס ערשטע בילד

פֿון באַלקאָן :
אַ גאָרטן אין דער נאַכט,
חלום־גאָרטן,
טונקל־גרין,
שאָטנס פֿון ביימער,
חלקימלעך פֿון פֿיגורן
פֿון מירמלשטיין,
אינעם גאָרטן צעשפּרייט,
אַ סקולפּטור,
אַן אָפּבילד,
צעבראָכן,
צעזייט.

# חֲלוֹם עַל שְׁמוֹת

**תְּמוּנָה רִאשׁוֹנָה**

מֵהַמִּרְפֶּסֶת :
גִּנָּה בַּלַּיְלָה
גִּנַּת חֲלוֹם
יָרֹק כֵּהֶה
צִלְלֵי עֵצִים
חֶלְקִיקֵי דְּמוּיוֹת
עֲשׂוּיוֹת שַׁיִשׁ
בַּגִּנָּה פְּזוּרִים
פֶּסֶל,
צֶלֶם,
שְׁבוּרִים,
בְּכָל עֵבֶר.

## דאָס צווייטע בילד

איך גיי אַרײַן
אינעם בילד,
אינעם גאָרטן —
חלום־גאָרטן —
אַן אַרומנעם —
דער גאָרטן.
די מירמלנע
סקולפּטור־חלקימלעך
זענען פֿאַרשוווּנדן,
פֿאַרגעדיכטעט,
צונויפֿגענומען
אין אַן אַרומנעם.
ס'איז אוממעגלעך.
ס'איז משוגע —
און פֿאָרט :
אַ חלום
פֿון גאַנצקייט.

**תְּמוּנָה שְׁנִיָּה**

אֲנִי נִכְנֶסֶת
לְתוֹךְ הַתְּמוּנָה
לְתוֹךְ הַגִּנָּה
הַגִּנָּה שֶׁבַּחֲלוֹם
מְחַבֶּקֶת
אֶת הַגִּנָּה
נֶעֶלְמוּ לָהֶם
פֶּסֶל הַשַּׁיִשׁ־הַחֶלְקִיקִים
הִתְכַּנְּסוּ,
הִתְמַזְּגוּ,
בְּחִבּוּק
זֶה לֹא אֶפְשָׁרִי.
זֶה שִׁגָּעוֹן –
וְלַמְרוֹת זֹאת :
חֲלוֹם
עַל שְׁלֵמוּת.

## אַ באַגעגעניש

הײַנט
האָט מיר
באַגעגנט
די פֿריילעכקייט
אויף מײַן וועג.
זי האָט מיך
איבערגעיאָגט
און מיך אָנגערירט
גאַנץ זאַכט און לינד,
ווי אַ ווינטל,
אין פֿאַרבײַגיין.

דערנאָך איז זי
ווײַטערגעגאַנגען —
זשומענדיק —
אויף איר וועג
און האָט איבערגעלאָזט
אַ שטיקל גלעכטערל,
ווי קאָליריק־שפּילעוודיקע
ביקלעך,
אין מיר...

## פְּגִישָׁה

הַיּוֹם
נִקְרְתָה בְּדַרְכִּי
הַשִּׂמְחָה.
הִיא חָלְפָה, הִשִּׂיגָה אוֹתִי
וְנָגְעָה בִּי
בְּרַכּוּת וּבַעֲדִינוּת,
כְּמוֹ אִוְשַׁת רוּחַ,
שֶׁחוֹלֶפֶת לָהּ.

לְאַחַר מִכֵּן
הַמְּשִׁיכָה –
מְזַמְזֶמֶת –
בְּדַרְכָּהּ
מוֹתִירָה בִּי
צִחְקוּקִים,
כְּמוֹ כַּדּוּרֵי
מִשְׂחָק צִבְעוֹנִיִּים...

## בענקשאַפֿט

עס ציט אַרײַן
ווי אינעם ים בײַ נאַכט –
דורכן צוצי־כּוח פֿון דער לבֿנה –
די בענקשאַפֿט
נאָכן אין־סוף.

עס ציט אַרײַן
ווי אינעם אָפֿענעם ים,
אַריבער צום אַנדערן ברעג.

בענקשאַפֿט
איז פֿול מיט ווייטיק.
אַ ווייטיק
ווי מילך און האָניק
לאָזט דעם גײַסט
און די נשמה
כּמעט
אויסלויפֿן.

בענקשאַפֿט
נאָכן צוגעזאָגטן לאַנד.

סוף־כּל־סוף
נאָך אַ מאָל
אַ הויך פֿון אין־סופֿיקייט.

## גַּעְגּוּעַ

זֶה מוֹשֵׁךְ אוֹתָךְ
כְּמוֹ אֶל תּוֹךְ הַיָּם בַּלַּיִל –
דֶּרֶךְ כֹּחַ הַכְּבִידָה שֶׁל הַלְּבָנָה –
הַגַּעְגּוּעַ
לָאֵינְסוֹף.

זֶה מוֹשֵׁךְ אוֹתָךְ
כְּמוֹ אֶל תּוֹךְ הַיָּם הַפָּתוּחַ,
אֶל עֵבֶר הַחוֹף הָאַחֵר.

גַּעְגּוּעַ
מָלֵא הוּא בִּכְאֵב.
כְּאֵב
כְּמוֹ חָלָב וּדְבַשׁ
מַתִּיר לַנֶּפֶשׁ
וְלַנְּשָׁמָה
כִּמְעַט
לִגְלֹשׁ.

גַּעְגּוּעַ
אֶל הָאָרֶץ הַמֻּבְטַחַת.

סוֹף כָּל סוֹף
פַּעַם נוֹסֶפֶת
נְשִׁימָה שֶׁל אֵינְסוֹף.

# צײַטן פֿונעםווינט

ווערטער,
וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט,
פֿליִען אינעם ווינט
אָדער בלײַבן פֿאַרקריצט
אינעם זכּרון
ווי רגעס
פֿון אמתדיקייט.
זיי האָבן ניט קיין דויער,
אָבער זיי קענען האָבן אַ מיין
אויף אַ רגע
אָדער אויף אַ לאַנגער צײַט –

צײַטן פֿונעם ווינט.

ווערטער,
וואָס ווערן פֿאַרשריבן,
פּרוּוון צו פֿאַרכאַפּן
רגעס.
נאָר רגעס
לאָזן זיך ניט פֿאַרכאַפּן.
זיי פֿליִען אינעם ווינט.
זיי לעבן
און זיי בײַטן זיך
אין פֿרײַהייט,
אין זייער צײַט.

צײַטן פֿונעם ווינט.

# עִתּוֹת הָרוּחַ

מִלִּים,
אֲשֶׁר נֶהֱגוֹת,
מִתְעוֹפְפוֹת בָּרוּחַ
אוֹ נוֹתָרוֹת חֲקוּקוֹת
בַּזִּכָּרוֹן
כְּמוֹ רִגְעֵי
אֱמֶת שְׁלֵמָה.
אֵין לָהֵן כָּל מֶשֶׁךְ,
אַךְ יִתָּכֵן וּמַשְׁמָעוּת לָהֶן
לְרֶגַע
אוֹ לִזְמַן אָרֹךְ –

עִתּוֹת הָרוּחַ

מִלִּים,
אֲשֶׁר נִכְתָּבוֹת,
מְנַסּוֹת לַחְטֹף
רְגָעִים.
אֶלָּא שֶׁרְגָעִים
מְסָרְבִים לְהֵחָטֵף.
הֵם מִתְעוֹפְפִים בָּרוּחַ.
הֵם חַיִּים
וּמִתְחַלְּפִים לָהֶם
בְּחָפְשִׁיּוֹת,
בִּזְמַנָּם הֵם.

עִתּוֹת הָרוּחַ

# שטיין פֿון זכּרון

אַ הויך פֿון גליק
האָט פֿאַרבײַגעווייט –
קוקנדיק אויפֿן שטיין –
ווען אַ שטראַל
פֿון אַ פֿאַרלוירענער וואָר
האָט אָנגערירט
דאָס האַרץ
פֿונעם בעל־חלומות.

ווי וואָלט דער בעל־חלומות –
גלאַט אַזוי,
פֿאַרבײַגייענדיק –
גערן געוועזן איבערצולאָזן
אַ צייכן
אויפֿן שטיין פֿון זכּרון.

אפֿשר
געדענקענדיק
טרערן
און טויט
און מורא,
וואָס האָט גענומען לײַכטן,
און אַן אומדערקלערלעכן
הויך פֿון גליק.

# אֶבֶן זִכָּרוֹן

נְשִׁימָה שֶׁל אֹשֶׁר
חָלְפָה בִּיעָף –
מִתְבּוֹנֶנֶת לָהּ בָּאֶבֶן –
כַּאֲשֶׁר קֶרֶן אוֹר
מִמְּצִיאוּת אֲבוּדָה
נָגְעָה
בְּלֵב בַּעַל הַחֲלוֹמוֹת.

כְּאִלּוּ הוּא, בַּעַל הַחֲלוֹמוֹת –
כָּךְ סְתָם,
דֶּרֶךְ אַגַּב –
בְּכָל מְאוֹדוֹ רָצָה לְהַשְׁאִיר
סִימָן
עַל אֶבֶן הַזִּכָּרוֹן.

אוּלַי
דִּמְעוֹת זִכָּרוֹן
וּמָוֶת
וּמוֹרָא,
שֶׁלָּקְחוּ חֵלֶק בַּזֹּהַר,
וּבַנְּשִׁימָה הַבִּלְתִּי מֻסְבֶּרֶת
שֶׁל הָאֹשֶׁר.

אָדער
אפֿשר נאָר,
כּדי צו זאָגן יענע,
וואָס הייבן אָן צו פֿאַרגעסן :
„אַ מאָל בין איך דאָ געווען...“

אַ צייכן
אויפֿן שטיין פֿון זכּרון,
גלאַט אַזוי,
פֿאַרבײַגייענדיק...

וְאוּלַי
רַק
כְּדֵי לוֹמַר לְאֵלֶּה
שֶׁמַּתְחִילִים לִשְׁכֹּחַ
„פַּעַם אֲנִי הָיִיתִי פֹּה...“

סִימָן
עַל אֶבֶן הַזִּכָּרוֹן
כָּךְ, סְתָם,
בְּחָלְפוֹ בַּדֶּרֶךְ...

# קרעפּלעך אין חלום

„קרעפּלעך אין חלום
איז ניט קיין קרעפּלעך,
נאָר אַ חלום“,
זאָגט די חכמה
צום בעל־חלומות
נאָך אַ נאַכט פֿון חלומות,
שימערירנדיקע
אין אַלע קאָלירן פֿונעם רעגן־בויגן.

אַ רויט, ווי די זון, וואָס פֿאַרגייט,
ווי די זכרונות פֿון גליִענדיקע גליקן.
אַן אָראַנדזש ווי דער האַרבסט,
ווי פֿאַלנדיקע בלעטער און וואָגלעניש.
אַ געל ווי די ווינטערדיקע ליכטעלעך אַכט,
ווי באַנײַונג, ווי אַ נס.
אַ גרין ווי אַ וואַלדיקער פּייזאַזש אין פֿרילינג,
ווי די בליִענדיקע שפּילעוודיקייט פֿונעם לעבן.
אַ בלוי ווי דער שלאָף,
ווי די טיפֿקייט פֿון דער נאַכט.
אַן אינדער־בלאָ ווי די סודות
פֿון יענער זײַט ממשות.
אַ פּערפּל ווי שטראַלן פֿון משוגעת,
ווי די ווילדקייט פֿון טאַנץ.

## קְרֶפְּלָךְ בַּחֲלוֹם

„קְרֶפְּלָךְ בַּחֲלוֹם
אֵינָם קְרֶפְּלָךְ,
אֶלָּא רַק חֲלוֹם",
אוֹמֶרֶת הַחָכְמָה
לְבַעַל הַחֲלוֹמוֹת
לְאַחַר לֵיל חֲלוֹמוֹת,
רוֹטְטִים
בְּכָל צִבְעֵי הַקֶּשֶׁת.

אָדֹם, כְּמוֹ הַשֶּׁמֶשׁ, אֲשֶׁר שׁוֹקַעַת,
כְּמוֹ הַזִּכְרוֹנוֹת שֶׁל שְׂמָחוֹת לוֹהֲטוֹת.
כָּתֹם כְּמוֹ הַסְּתָו,
כְּמוֹ עָלִים נוֹשְׁרִים וּמִתְעוֹפְפִים.
צָהֹב כְּמוֹ שְׁמוֹנַת נֵרוֹת הַחֹרֶף,
כְּמוֹ הִתְחַדְּשׁוּת, כְּמוֹ נֵס.
יָרֹק, כְּמוֹ נוֹף שֶׁל יַעַר בָּאָבִיב
כְּמוֹ הַפְּרִיחָה מְלֵאַת הַמִּשְׂחָק שֶׁל הַחַיִּים.
כָּחֹל כְּמוֹ הַשֵּׁנָה,
כְּמוֹ עָמְקוֹ שֶׁל הַלַּיְלָה.
כָּחֹל־אִינְדִּיגוֹ כְּמוֹ הַסּוֹדוֹת
שֶׁל הַצַּד הַהוּא שֶׁל הַמַּמָּשׁוּת.
סָגֹל כְּמוֹ קֶרֶן שֶׁל שִׁגָּעוֹן,
כְּמוֹ פְּרָאוּת שֶׁל רִקּוּד.

„און בענקשאַפֿט אין חלום,  
וואָס בלײַבט באַשטיין אויף דער וואָר,  
איז אויך ניט קיין בענקשאַפֿט,  
נאָר אַ חלום ?“  
האָט געפֿרעגט דער בעל־חלומות  
בײַ דער חכמה.

„בענקשאַפֿט אין חלום,  
וואָס בלײַבט באַשטיין אויף דער וואָר,  
איז ניט קיין חלום,  
נאָר בענקשאַפֿט —  
אַן אין־סופֿיקע בענקשאַפֿט,  
אַ שימערירנדיקע  
אין אַלע קאָלירן פֿונעם רעגן־בויגן.“

„וְהַגַּעְגּוּעַ בַּחֲלוֹם,
שֶׁנִּשְׁאָר וְקַיָּם
בַּמְּצִיאוּת
גַּם הוּא אֵינוֹ גַּעְגּוּעַ,
אֶלָּא רַק חֲלוֹם?"
שָׁאַל בַּעַל הַחֲלוֹמוֹת
אֶת הַחָכְמָה.

„הַגַּעְגּוּעַ בַּחֲלוֹם,
שֶׁנִּשְׁאָר וְקַיָּם בַּמְּצִיאוּת,
אֵינוֹ חֲלוֹם,
אֶלָּא גַּעְגּוּעַ –
גַּעְגּוּעַ אֵינְסוֹפִי,
רוֹטֵט
בְּכָל צִבְעֵי הַקֶּשֶׁת."

## ווּ איז דאָס געסעלע ? (פּרק ב׳)

פֿליִען פֿליט זיך,
און ניט נאָר אין חלום –
אַרײַן דורכן פֿענצטער,
אַרויס דורך דער טיר –
איבער קיִעווער גאַסן,
פֿון שטוב צו שטוב,
פֿון בענקשאַפֿט צו בענקשאַפֿט :
„אוי, ווּ איז דאָס ייִנגעלע,
וואָס איך האָב ליב ?“

אַ בלויער באַלאָן
פֿליט הויך אין דער לופֿטן,
און ער פֿאַרבלאָנדזשעט
העט ווײַט,
און עס ווילט זיך אים פֿאַלן,
און עס ווילט זיך אים זינגען,
און עס ווילט זיך אים שעפּטשען :
„אוי, ווּ איז דאָס געסעלע,
וואָס איך האָב ליב ?“

# אֵיפֹה הַסִּמְטָה ? (פֶּרֶק ב׳)

עָף וּמִתְעוֹפֵף
וְלֹא רַק בַּחֲלוֹם –
פְּנִימָה דֶּרֶךְ הַחַלּוֹן,
הַחוּצָה דֶּרֶךְ הַדֶּלֶת –
מֵעַל סִמְטָאוֹת שֶׁל קִיֶּב
מִבַּיִת לְבַיִת
מִגַּעְגּוּעַ לְגַעְגּוּעַ :
„אוֹי, אֵיפֹה הַיֶּלֶד
שֶׁאֲנִי אוֹהֶבֶת?“

בָּלוֹן כָּחֹל
עָף גָּבוֹהַּ בָּאֲוִיר
וּמְשׁוֹטֵט
בַּמֶּרְחַקִּים
וּמִתְחַשֵּׁק לוֹ לִפֹּל
וּמִתְחַשֵּׁק לוֹ לָשִׁיר
וּמִתְחַשֵּׁק לוֹ לִלְחֹשׁ :
„אוֹי, אֵיפֹה הַסִּמְטָה
שֶׁאֲנִי אוֹהֵב?“

און ער לאָזט זיך אַראָפּ,
רוט זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע
אויף די פּלייצעס פֿון אַן אייניקל,
אַ ייִדישן שרײַבער :
„שלום־עליכם, מײַן טײַערער,
זאָג — וואָס איז דײַן בענקשאַפֿט ?
זאָג — ווו איז די מוזע,
וואָס איך האָב ליב ?“

אַ ייִדישער שרײַבער ?
אַ שרײַבער בײַ ייִדן ?
און עס צעלאַכט זיך בייז
דער אוקראַיִנער :
*„נאַש טשעלאָוועק !“**
און עס צעפֿאַלט זיך דער חלום
פֿון ייִדישן יהופּעץ.
ס'איז ייִדישע גליקן,
ר' מנחם־מענדל.
„אוי, ווו איז דאָס חלומל,
וואָס איך האָב ליב ?“

*רוסיש : „אונדזער מענטש“

נוֹחֵת לְמַטָּה,
נָח לוֹ לְרֶגַע עַל כְּתֵפָיו שֶׁל נֶכֶד,
סוֹפֵר יִידִישׁ :
„שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, יַקִּירִי
אֱמֹר נָא – מָה גַּעְגּוּעֶיךָ ?
אֱמֹר נָא – אֵיפֹה הַמּוּזָה
שֶׁאֲנִי אוֹהֵב?"

סוֹפֵר יִידִישׁ ?
סוֹפֵר אֵצֶל יְהוּדִים ?
צוֹחֵק הָאוּקְרָאִינִי בְּזַעַף :
„*נַאשׁ צֶ'אלוֹבֵק* !"*
וּמִתְנַפֵּץ לוֹ הַחֲלוֹם
שֶׁל יְהוּפִּיץ הַיְּהוּדִית
זֶהוּ הַגּוֹרָל הַיְּהוּדִי,
ר' מְנַחֵם מֶנְדֶּל.
„אוֹי, הֵיכָן חֲלוֹמִי הַקָּטָן
שֶׁאֲנִי אוֹהֶבֶת ?"

*רוּסִית : „הָאִישׁ שֶׁלָּנוּ"


הרבה
פנים

# עס קלינגען ניט קיין גלאָקן

# אֵין צִלְצוּל פַּעֲמוֹנִים

# עס קלינגען ניט קיין גלאָקן

עס קלינגען ניט קיין גלאָקן,
עס רעשן ניט קיין גלעקער.
עס הויכט צו מיר
אַ שטילער ניגון,
צאַרט
און טיף
און געדיכט.

עס גלאַנצט דאָ ניט קיין גאָלד,
עס פֿינקלען ניט קיין דימענטן.
עס שמינקלען צו מיר
אַכט דינינקע ליכטלעך,
רויִק
און קלאָר
און פֿול מיט ליכט.

עס באַווײַזן זיך ניט קיין וויזיעס
פֿון הימלס־וועגענער און פּאַלאַצן.
עס שמייכלט צו מיר
אַ נײַער חלום,
זאַכט
און לינד
און אומגעריכט.

עס קלינגען ניט קיין גלאָקן...

# אֵין צִלְצוּל פַּעֲמוֹנִים

אֵין צִלְצוּל פַּעֲמוֹנִים
וְלֹא רוֹעֲשׁוֹת מְצִלּוֹת.
נִגּוּן חֲרִישִׁי
נוֹשֵׁם אֵלַי,
עָדִין
וְעָמֹק
וְסָמִיךְ.

אֵין כָּאן זָהָב שֶׁנּוֹצֵץ,
וְלֹא בּוֹהֲקִים יַהֲלוֹמִים.
אֵלַי נוֹצְצִים
שְׁמוֹנָה נֵרוֹת דַּקִּיקִים
רוֹגְעִים
בְּהִירִים
וּבָאוֹר מְלֵאִים.

לֹא חֶזְיוֹנוֹת נִגְלִים לִי
שֶׁל כִּרְכָּרוֹת שְׁמֵימִיּוֹת וְאַרְמוֹנוֹת.
אֵלַי מְחַיֵּךְ
חֲלוֹם חָדָשׁ,
רַךְ
עָדִין
וּבִלְתִּי צָפוּי.

אֵין צִלְצוּל פַּעֲמוֹנִים...

# צי איז דאָס אַ חלום, וואָס פֿאַרגייט ?

אַ וועלט פֿון בלוי,
פֿון די ווײַטסטע ווײַטקייטן.
אַ וועלט פֿון רויט,
פֿון די נאָענטסטע נאָענטקייטן.

צי איז דאָס אַ חלום, וואָס פֿאַרגייט ?

אַ וועלט פֿון גאָלד,
פֿון די העכסטע הייכן.
אַ וועלט פֿון פּערפּל,
פֿון די טיפֿסטע טיפֿענישן.

צי איז דאָס אַ חלום, וואָס פֿאַרגייט ?

איך טונק זיך אײַן
אין אַ ים פֿון קאָלירן.
בײַם ראַנד פֿון ים
שפּילן זיך וואַסערדיקע חיות
מיט טאַנצנדיקע פֿיס
און לאַכנדיקע אייגעלעך.
אין פֿרייד פֿון באַגינען
שפּיל איך זיך מיט זיי.

צי איז דאָס אַ חלום, וואָס פֿאַרגייט ?

## הַאִם חֲלוֹם זֶה, בַּר חֲלוֹף ?

עוֹלָם שֶׁל תְּכֹל,
שֶׁל הָרָחוֹק בַּמֶּרְחַקִּים.
עוֹלָם שֶׁל אֹדֶם,
שֶׁל הַקְּרוֹבָה בַּקְּרוֹבוֹת

שֶׁמָּא חֲלוֹם זֶה, בַּר חֲלוֹף ?

עוֹלָם שֶׁל זָהָב,
שֶׁל שִׂיאֵי הַפְּסָגוֹת.
עוֹלָם שֶׁל אַרְגָּמָן,
שֶׁל תְּהוֹמוֹת הַמַּעֲמַקִּים.

שֶׁמָּא חֲלוֹם זֶה, בַּר חֲלוֹף ?

טוֹבֶלֶת אֲנִי
בְּיָם שֶׁל צְבָעִים
וּבְשְׂפַת הַיָּם
חַיּוֹת מַיִם מְשַׂחֲקוֹת לָהֶן
בְּרַגְלַיִם מְרַקְּדוֹת
וּבְעֵינַיִם מְצַחֲקוֹת.
וּבְשִׂמְחַת הַשַּׁחַר
אִתָּן אֲנִי מְשַׂחֶקֶת.

שֶׁמָּא חֲלוֹם זֶה, בַּר חֲלוֹף ?

עס פֿאַלט צו די נאַכט,
און עס שווימט אויף אַ חלום.
עס זינגען די שטערן,
און אין הימל באַווײַזט זיך
אַ סודותדיקע שריפֿט
פֿון פֿינקלענדיקע אותיות.
איך יאָג זיך נאָך מײַן מלאך,
און ער יאָגט זיך נאָך מיר.

צי איז דאָס אַ חלום, וואָס פֿאַרגייט ?

ס'איז אַוודאי אַ חלום...
און אפֿשר אַ הויך פֿון ממשות
גאָר אויך.
עס קומט דער קאַיאָר,
און ס'ווערט ניט נעלם
דער חלום !
עס איז נאָר דער אומעט,
וואָס פֿאַרגייט...

יוֹרֶדֶת לָהּ הַחֲשֵׁכָה,
צָף וְעוֹלֶה לוֹ חֲלוֹם.
מְזַמְּרִים הַכּוֹכָבִים,
וּבַשָּׁמַיִם מוֹפִיעַ
כְּתַב סְתָרִים וְאוֹתִיּוֹת לוֹ מְנַצְנְצוֹת.
רוֹדֶפֶת אֲנִי אַחֲרֵי הַמַּלְאָךְ שֶׁלִּי,
וְהוּא רוֹדֵף אַחֲרַי.

שֶׁמָּא חֲלוֹם זֶה, בַּר חֲלוֹף?

וַדַּאי שֶׁחֲלוֹם הוּא...
אֶפְשָׁר גַּם
נְשִׁימַת מַמָּשׁוּת.
מַפְצִיעַ לוֹ הַשַּׁחַר,
לֹא נֶעֱלָם לוֹ
הַחֲלוֹם!
זֹאת רַק הַתּוּגָה
שֶׁנְּמוֹגָה לָהּ...

## מײַנע חלומות

מײַנע חלומות
זענען די ווערטער
פֿון מײַן נשמה,
די פֿרייד
פֿונעם האַרצן,
און אַ מאָל
דער ווייטיק
אויך.

מײַנע חלומות
זענען די שפּראַך
פֿונעם אייבערשטן,
די שפּראַך
פֿון סודות.

מײַנע חלומות
זענען דער אָטעם
פֿון מלאכים,
דאָס רוישן
פֿון זייערע פֿליגלען,
און אַ מאָל
זייערע טרערן
אויך.

# חֲלוֹמוֹתַי

חֲלוֹמוֹתַי
הֵם מִלּוֹת
נִשְׁמָתִי
שִׂמְחַת
הַלֵּב,
וּלְעִתִּים
גַּם
הַכְּאֵב.

חֲלוֹמוֹתַי
הֵם הַשָּׂפָה
שֶׁל הַיּוֹשֵׁב בַּמְּרוֹמִים,
שְׂפַת
הַסּוֹדוֹת.

חֲלוֹמוֹתַי
נְשִׁימַת
הַמַּלְאָכִים
מַשַּׁק
כַּנְפֵיהֶם
וּלְעִתִּים
גַּם
דִּמְעוֹתֵיהֶם.

מײַנע חלומות
זענען די פֿאַרהוילענע שריפֿט
פֿון דער נשמה,
די קלאַנגען
פֿון ניקודות און טעמים,
אַ וועלט פֿון שלשלתן.

מײַנע חלומות
זענען שליחים
פֿון יענער זײַט ממשות,
פֿון אַן אַנדער וועלט,
וואָס רירט אָן
צאַרט
פֿון בלוי אַרויס
די אונדזעריקע.

מײַנע חלומות
זענען די ווערטער
פֿון מײַן נשמה...

חֲלוֹמוֹתַי
הֵם כְּתַב הַסְּתָרִים
שֶׁל הַנְּשָׁמָה,
צְלִילַי
נִקּוּד וּטְעָמִים
עוֹלָם
הַשַּׁלְשְׁלָאוֹת.

חֲלוֹמוֹתַי
שְׁלִיחִים הֵם
מֵהַמַּמָּשׁוּת שֶׁמֵּעֵבֶר,
מֵעוֹלָם אַחֵר,
הַנּוֹגֵעַ
בְּרַכּוּת
מִתּוֹךְ הַכָּחֹל
בְּעוֹלָמֵנוּ

חֲלוֹמוֹתַי
הֵם הַמִּלִּים
שֶׁל נִשְׁמָתִי...

## *אומרויִק*

אומרויִק
איבערן אָפּגרונט,
וואַרטנדיק,
לאַכנדיק
און וויינענדיק,
מיט צעשויבערטע
נשמה־סטרונעס,
אומרויִק.

דאָס פּינטעלע ייִד
אין גלות,
זינגענדיק
און טאַנצנדיק,
מיט צעשויבערטע
בערד און פּאָלעס,
אומרויִק.

געטראָגן
איבערן אָפּגרונט
דורכן כּוח
פֿון נגינה,
מיט בענקשאַפֿט
אין האַרצן,
מיט גלותדיקער
בענקשאַפֿט,
אומרויִק.

## לֹא רָגוּעַ

לֹא רָגוּעַ
מֵעַל פְּנֵי תְּהוֹם,
מַמְתִּין,
צוֹחֵק
וּבוֹכֶה,
עִם מֵיתְרֵי נְשָׁמָה
קְרוּעִים
לֹא רָגוּעַ.

הַנִּיצוֹץ הַיְּהוּדִי
בַּגָּלוּת,
שָׁר לוֹ,
רוֹקֵד לוֹ,
עִם זָקָן וּכְנַף בֶּגֶד
פְּרוּעִים,
לֹא רָגוּעַ.

נִשָּׂא
מֵעַל פְּנֵי תְּהוֹם
מִכֹּחַ
הַנְּגִינָה,
עִם עֶרְגָּה
בַּלֵּב,
עִם עֶרְגָּה
שֶׁל גָּלוּת,
לֹא רָגוּעַ.

אומרויִק
איבערן אָפּגרונט,
בענקענדיק,
גלותדיק,
ממשותדיק,
עיקרדיק,
מיט צעשויבערטע
נשמה־סטרונעס,
לאַכנדיק
און וויינענדיק,
אומרויִק.

לֹא רָגוּעַ
מֵעַל פְּנֵי תְּהוֹם,
עוֹרֵג,
גּוֹלֶה,
מַמָּשׁ,
בְּעִקָּר,
עִם מֵיתְרֵי נְשָׁמָה
קְרוּעִים,
צוֹחֵק
וּבוֹכֶה,
לֹא רָגוּעַ.

# פֿײַער און פֿלאַם

פֿײַער,
פֿלאַם
און פֿונקען שפּריצן,
לייד
און פֿרייד
און אמתדיקייט.

געשפּילט מיט פֿײַער
און פֿאַרברענט זיך
אַ ביסל.

פֿײַער,
פֿלאַם
און פֿונקען שפּריצן,
לייד
און פֿרייד
און אמתדיקייט.

געכאַפּט אַ קלאַפּ
און געזען קראָקע
מיט לעמבערג.

# אֵשׁ וְלֶהָבָה

אֵשׁ
לֶהָבָה
וְנִיצוֹצוֹת נִתָּזִים
סֵבֶל
וְשִׂמְחָה
אֶמֶת וְכֵנוּת.

שִׂחַקְנוּ בְּאֵשׁ
וְנִשְׂרַפְנוּ
קִמְעָה.

אֵשׁ
לֶהָבָה
וְנִיצוֹצוֹת נִתָּזִים
סֵבֶל
וְשִׂמְחָה
אֶמֶת וְכֵנוּת.

סָפַגְנוּ מַכָּה
וְרָאִיתִי אֶת קָרְקוֹב
וְאֶת לֶמְבֶּרְג.

פֿײַער,
פֿלאַם
און פֿונקען שפּריצן,
לייד
און פֿרייד
און אמתדיקייט.

און נאָר איין באַשלוס :
ממשיך זײַן !

אֵשׁ
לֶהָבָה
וְנִיצוֹצוֹת נִתָּזִים
סֵבֶל
וְשִׂמְחָה
אֱמֶת וְכֵנוּת.

וְהַחְלָטָה אַחַת בִּלְבַד :
לְהַמְשִׁיךְ !

## ברעקלדיק

ס'איז ניט יאָ
און ס'איז ניט ניין,
ס'איז ניט אויפֿן ים
און ניט אויף דער יבשה,
ס'איז ניט אַהין
און ניט אַהער...
ס'איז ברעקלדיק.

ס'איז אפֿשר יאָ
און אפֿשר ניין,
ס'איז אפֿשר טאָג
און אפֿשר נאַכט,
ס'איז אפֿשר שקיעה
און אפֿשר קאַיאָר –
ס'איז ברעקלדיק.

ס'איז ניט נעכטן
און ס'איז ניט מאָרגן,
ס'איז אפֿשר אַלץ
און אפֿשר גאָרניט,
ס'איז נאָר אָט די רגע
פֿון גליק –
ס'איז ברעקלדיק.

## מְפֹרָר

זֶ'לֹא כֵּן
וְזֶ'לֹא לֹא,
זֶ'לֹא  בַּיָּם
וְזֶ'לֹא בַּיַּבָּשָׁה,
זֶ'לֹא לְשָׁם
וְזֶ'לֹא לְכָאן...
זֶה מְפֹרָר

זֶ'אוּלַי כֵּן
וְאוּלַי לֹא,
זֶ'אוּלַי יוֹם
וְאוּלַי לַיְלָה,
זֶ'אוּלַי שְׁקִיעָה
וְאוּלַי זְרִיחָה –
זֶה מְפֹרָר.

זֶ'לֹא אֶתְמוֹל
וְזֶ'לֹא מָחָר,
זֶ'אוּלַי הַכֹּל
וְאוּלַי כְּלוּם,
רַק זֶה הָרֶגַע בִּלְבַד
שֶׁל אשֶׁר –
זֶה מְפֹרָר.

## איך בין די זאַמלערין פֿון שהחיינוס

איך בין די זאַמלערין פֿון שהחיינוס,
די זאַמלערין פֿון באַהאַלטענע רגעס פֿון גליק,
וואָס וועלן מיר לײַכטן
ווי יום־טובֿדיקע ליכט
אויף ווײַטע חושכדיקע וועגן.

כּדאי צו לעבן און צו לײַדן אויף דער וועלט,
כּדאי צו רײַטן
אויף די כוואַליעס פֿונעם לעבן –
אַרויף און אַראָפּ –
און אם־ירצה־השם
אויף תּמיד נאָך אַ מאָל אַרויף.

איך בין די זאַמלערין פֿון שהחיינוס,
די זאַמלערין פֿון באַהאַלטענע רגעס פֿון גליק.

כּדאי אָנצוהייבן נאָך אַ מאָל פֿון דאָס נײַ,
אַרויסצולויפֿן אין גאַס
און דאָס האַרץ אַוועקצושענקען,
ניט געקוקט אויף דעם,
וואָס מאָרגן וועט זײַן –
און איבערמאָרגן –
און אייביק...
און אייביק ?

איך בין די זאַמלערין פֿון שהחיינוס...

## אֲנִי הָאַסְפָנִית שֶׁל „שֶׁהֶחֱיָנוּ"

אֲנִי אַסְפָנִית שֶׁל בִּרְכוֹת „שֶׁהֶחֱיָנוּ"
הָאַסְפָנִית שֶׁל רִגְעֵי אֹשֶׁר חֲבוּיִים,
שֶׁיָּאִירוּ לִי
כְּנֵרוֹת יוֹם־טוֹב
בִּדְרָכִים רְחוֹקוֹת חֲשׁוּכוֹת.

כְּדַאי לִחְיוֹת וְלִסְבֹּל בָּעוֹלָם,
כְּדַאי לִרְכֹּב
עַל גַּלֵּי הַחַיִּים –
מַעְלָה וּמַטָּה –
וְאִם יִרְצֶה־הַשֵּׁם
תָּמִיד לַעֲלוֹת שׁוּב.

אֲנִי אַסְפָנִית שֶׁל בִּרְכוֹת „שֶׁהֶחֱיָנוּ"
הָאַסְפָנִית שֶׁל רִגְעֵי אֹשֶׁר חֲבוּיִים,

כְּדַאי לְהַתְחִיל עוֹד פַּעַם מֵחָדָשׁ,
לָצֵאת בְּרִיצָה אֶל הָרְחוֹב
לְהַעֲנִיק אֶת הַלֵּב,
מִבְּלִי לְהַעֲמִיק,
מָה יִהְיֶה מָחָר –
וּמָחֳרָתַיִם –
וְלָנֶצַח...
וְלָנֶצַח ?

אֲנִי אַסְפָנִית שֶׁל בִּרְכוֹת „שֶׁהֶחֱיָנוּ"...

## נאַכט

נאַכט –
עפֿן אויף דײַנע טויערן
און לאָז מיך אַרײַן
אין דײַן וועלט פֿון בלוי !
אַנטפּלעק פֿאַר מיר די סודות
פֿון דײַן באַהאַלטענעם גן־עדן ;
לאָז מיך זיך שפּילן
מיט דײַנע מלאכים
און גו-עדן-פֿלאַטערלעך ;
לאָז מיך דערפֿילן
דעם זיסן ווייטיק
פֿון דײַנע חלומות
און דײַנע ממשותן !

נאַכט –
עפֿן אויף דײַנע אָרעמס
און נעם מיך אַרײַן
אין דײַנע טיפֿענשן,
צווישן די טונקעלע קאָלדרעס
פֿון דײַן בענקשאַפֿט,
דײַן חדווה
און דײַן אומעט;
לאָז מיך טרינקען
דעם שווערן ווײַן
פֿון דײַן ליבשאַפֿט
און דײַן אמתדיקייט !

## לַיְלָה

לַיְלָה –
פְּתַח אֶת שְׁעָרֶיךָ
וְהַכְנִיסֵנִי
לְכְחֹל עוֹלָמְךָ !
גַּלֵּה לִי אֶת סוֹדוֹת
גַּן הָעֵדֶן הֶחָבוּי שֶׁלְּךָ ;
הָנַח לִי לְשַׂחֵק
עִם מַלְאָכֶיךָ
וְעִם פַּרְפָּרֵי גַּן הָעֵדֶן ;
תֵּן לִי לָחוּשׁ
אֶת הַכְּאֵב הַמָּתוֹק
שֶׁל חֲלוֹמוֹתֶיךָ
וְאֶת מַמָּשׁוּתָם !

לַיְלָה –
פְּתַח זְרוֹעוֹתֶיךָ לִרְוָחָה
וְהַכְנִיסֵנִי
בָּעֳמָקֶיךָ,
בֵּין הַשְּׂמִיכוֹת הַכֵּהוֹת
שֶׁל גַּעְגּוּעֶיךָ,
שֶׁל חֶדְוָתְךָ
וְשֶׁל עַצְבוּתְךָ,
הָנַח לִי לִלְגֹּם
מֵהַיַּיִן הַכָּבֵד
שֶׁל אַהֲבָתְךָ
וְשֶׁל אֲמִתּוֹתֶיךָ !

לאָז מיך מער ניט שטיין
אַזוי אין דרויסן
פֿאַר דײַן טיר,
אַזוי נאָענט
און דאָך אַזוי ווײַט !

נאַכט...

אַל תְּנִיחֵנִי עוֹד לַעֲמֹד
כָּךְ בַּחוּץ
לִפְנֵי הַדֶּלֶת,
כֹּה קְרוֹבָה
וּבְכָל זֹאת כָּל כָּךְ רְחוֹקָה !

לַיְלָה ...

## *ייִדישע הײַקוס*

### לאָנדאָן

פּאַריז אין לאָנדאָן.
אין זון און ווינט בײַם טישל.
דער ווינטער איז אויס.

***

אין זון־שײַן בײַם טײַך,
שפּאַצירנדיק, קלערנדיק :
כ'וויל פֿאָרן מיט דיר !

***

עפּעס איז אַנדערש.
גאַנץ פֿאַרשיכּורט די חושים.
אַ רגע פֿון גליק.

***

שבֿועות אין פּאַרקל.
די זון זעצט זיך פּאַמעלעך.
געדאַנק פֿון פּאַריז.

***

## הַיְקוּס בְּיִידִישׁ*

### לוֹנְדוֹן

פָּרִיז בְּלוֹנְדוֹן
הַשֶּׁמֶשׁ וְהָרוּחַ לְצִדֵּי הַשֻּׁלְחָן
הַחֹרֶף חָלַף.

***

הַשֶּׁמֶשׁ מִשְׁתַּקֶּפֶת בַּנָּהָר
מְטַיֶּלֶת, מְהַרְהֶרֶת:
רוֹצָה לָשׁוּט אִתְּךָ!

***

מַשֶּׁהוּ שׁוֹנֶה.
בִּמְלוֹא שִׁכְרוֹן חוּשִׁים
רֶגַע שֶׁל אִשָּׁה.

***

שָׁבוּעוֹת בַּפַּרְק
הַשֶּׁמֶשׁ שׁוֹקַעַת לְאִטָּהּ
זִכְרוֹנוֹת מִפָּרִיז.

***

**פּאַריז**

אויף רי דע ראָזיע.
די שאָטנס פֿונעם עבֿר
פֿאַרפֿליִען אין ווינט.

***

פֿאַרבלאָנדזשעט אין קונסט.
מיר פֿאַרלירן זיך כּסדר
און געפֿינען זיך קריק.

***

אַ פֿרײַטיק צו נאַכטס.
אַ קאַראַהאָד פֿון פֿרײַנדשאַפֿט.
די בעכערס צו פֿול.

***

מײַן האַנט אין דײַן האַנט.
אַ קאָלירִיק טיכל פֿליט
בײַ נאַכט אין פּאַריז.

***

שבת אין דער פֿרי.
דער האָריזאָנט קלאָרט זיך אויף.
אַלץ איז נאָך אָפֿן.

***

**פָּרִיז**

בִּרְחוֹב דֶה רוֹזְיֶה
צִלְלֵי הֶעָבָר
חוֹלְפִים עִם הָרוּחַ

***

תּוֹעִים בָּאָמָנוּת
מְאַבְּדִים אֶחָד אֶת מִשְׁנֵהוּ
וְנִפְגָּשִׁים מֵחָדָשׁ.

***

עֶרֶב שַׁבָּת
בְּמְחוֹל הַיְּדִידוּת
הַגְּבִיעִים מְלֵאִים מִדַּי.

***

יָדִי בְּיָדְךָ
מְטַפַּחַת צִבְעוֹנִית מִתְנוֹפֶפֶת
לֵילוֹת פָּרִיז.

***

בֹּקֶר שֶׁל שַׁבָּת
הָאֹפֶק מִתְבַּהֵר
הַכֹּל עֲדַיִן פָּתוּחַ.

***

קאַנאַל סאַן־מאַרטען.
דער חוש פֿאַרנעפּלט בײַ טאָג.
עס פֿעלט מיר אויס שלאָף.

***

די גלעזער קלינגען
אינעם קלײנעם װאַסער־שלאָס.
חבֿרה אין שפּיגל.

***

פּאַריזער חנען.
דעם פּאַסטעכס קול אויף ייִדיש.
װוּ זענען די שאָף ?

***

די לעצטע דנאָען.
גלותדיקע װאַנדערער.
לאָנדאָן אין פּאַריז.

תְּעָלַת סַאן מַרְטִין
חוּשֵׁי מְעֻרְפָּלִים בַּיּוֹם
זְקוּקָה לְשֵׁנָה.

***

הַכּוֹסוֹת מְצַלְצְלוֹת
בְּתוֹכְכֵי מְצוּדַת מַיִם קְטַנָּה
חֲבֵרִים בַּמַּרְאָה.

***

קִסְמֵי פָּרִיז.
הָרוֹעֶה קוֹרֵא בְּיִידִישׁ
הֵיכָן הַכְּבָשִׂים ?

***

טִפְטוּפִים אַחֲרוֹנִים.
לִמְשׁוֹטְטֵי הַגָּלוּת.
לוֹנְדוֹן בְּפָּרִיז.

** כל התרגומים לשירי ההייקו הם תרגומים מילוליים בלבד, ואינם מתיימרים להיצמד לחוקי ההברות של הסוגה.*

# דורך פֿײַער און דורך וואַסער

דורך פֿײַער און דורך וואַסער,
דורך ימען און דורך יבשות,
דורך שטורעם־ווינטן און דורך מידבריות –
ביסטו געווען בײַ מײַן זײַט.

דורך לײַדן און דורך פֿריידן,
דורך יסורים און דורך שׂימחות,
דורך לחיימס און דורך קאַצן־יאָמער –
ביסטו געווען בײַ מײַן זײַט.

און איך בין געווען
אין גאַנצן מיט דיר
און וואָלט דורך פֿײַער און דורך וואַסער
געלאָפֿן פֿאַר דיר...

ווּ ביסטו איצט, מײַן גוטער חבֿר ?
וואָס באַהאַלטסטו זיך פֿאַר מיר ?
ווּ ביסטו איצט, מײַן ליבסטער חבֿר ?
וואָס מײַדסטו אויס מײַן טיר ?

איך וואָלט מײַן לעבן
אַוועקגעגעבן
פֿאַר נאָך אַזאַ צײַט
פֿון לײַדן און פֿון פֿריידן
מיט דיר !

דורך פֿײַער און דורך וואַסער –
ביסטו געווען בײַ מײַן זײַט...

## בָּאֵשׁ וּבַמַּיִם

בָּאֵשׁ וּבַמַּיִם,
בַּיָּם וּבַיַּבָּשָׁה,
בְּרוּחוֹת סוֹעֲרוֹת וּבְמִדְבָּרִיּוֹת –
הָיִיתָ לְצִדִּי

בְּסֵבֶל וְגִיל ,
בְּיִסּוּרִים וּשְׂמָחוֹת ,
בְּהַשָּׁקַת כּוֹסִיּוֹת וּבַחֲמַרְמֹרֶת –
הָיִיתָ לְצִדִּי

וַאֲנִי הָיִיתִי
כְּלִי עִמְּךָ
וְהָיִיתִי בָּאֵשׁ וּבַמַּיִם
רוֹדֶפֶת אַחֲרֶיךָ...

הֵיכָן אַתָּה עַכְשָׁו, חֲבֵרִי הַטּוֹב ?
מַדּוּעַ אַתָּה מִסְתַּתֵּר מִפָּנַי ?
הֵיכָן אַתָּה עַכְשָׁו, חֲבֵרִי הָאָהוּב ?
מַדּוּעַ פּוֹסֵחַ אַתָּה עַל דַּלְתִּי ?

אֶת חַיַּי
הָיִיתִי מוֹסֶרֶת
לָשׁוּב לְאוֹתָהּ עֵת
שֶׁל סֵבֶל וְגִיל
אִתְּךָ !

בָּאֵשׁ וּבַמַּיִם –
לְצִדִּי הָיִיתָ ...

# ווען עס חלומט זיך דיר פֿון אַ שיף...

„ווען עס חלומט זיך דיר פֿון אַ שיף,
לאָז מיך וויסן !“ –
האָט ער געזאָגט.

ווען עס חלומט זיך דיר פֿון אַ שיף,
לאָז מיך וויסן,
און איך וועל דיך פֿאַרכאַפּן
אין מײַן נעץ.
דו וועסט מער ניט אַרויס
פֿונעם לאַבירינט
פֿון דײַנע אייגענע חלומות.
דו וועסט בלאָנדזשען
ווי אַ שיפֿל
אויף די שטורעמדיקע כוואַליעס
אינעם ים
פֿון דײַן אייגענער נשמה,
געוואָרפֿן פֿון די העכסטע הייכן
אין די טיפֿסטע טיפֿענישן.
וועסט בלײַבן אויף אייביק
אין מײַן רשות.

## כְּשֶׁאֳנִיָּה מוֹפִיעָה בַּחֲלוֹמֵךְ...

„כְּשֶׁאֳנִיָּה מוֹפִיעָה בַּחֲלוֹמֵךְ,
אָנָּא, יַדְּעִי אוֹתִי !"
כָּךְ אָמַר לִי.

כְּשֶׁאֳנִיָּה מוֹפִיעָה בַּחֲלוֹמֵךְ,
אָנָּא, יַדְּעִי אוֹתִי,
וַאֲנִי אֶלְכֹּד אוֹתָךְ
בְּרִשְׁתִּי.
לֹא תַּצְלִיחִי עוֹד לְהֵחָלֵץ
מִן הַמָּבוֹךְ
שֶׁל חֲלוֹמוֹתַיִךְ
תְּשׁוֹטְטִי בְּדַרְכֵּךְ
כְּמוֹ אֳנִיָּה
מִטַּלְטֶלֶת עַל גַּלִּים סוֹעֲרִים
בַּיָּם
שֶׁל נִשְׁמָתֵךְ שֶׁלָּךְ,
נִזְרֶקֶת מִגָּבְהֵי גְּבָהִים
אֶל מַעֲמַקִּים אֵין קֵץ
לָנֶצַח תִּשָּׁאֲרִי
בִּרְשׁוּתִי

„ווען עס חלומט זיך דיר פֿון אַ שיף,
לאָז מיך וויסן !“ –
האָט ער געזאָגט.

ווען עס חלומט זיך דיר פֿון אַ שיף,
איז אפֿשר בעסער
צו זײַן פֿאָרזיכטיק.

זאָג קיינעם ניט אויס,
ווען עס חלומט זיך דיר פֿון אַ שיף !

„כְּשֶׁאֲנִיָּה מוֹפִיעָה בַּחֲלוֹמֵךְ,
אָנָּא, יַדְּעִי אוֹתִי !"
אָמַר לִי.

כְּשֶׁאֲנִיָּה מוֹפִיעָה בַּחֲלוֹמֵךְ,
מוּטָב,
לִהְיוֹת זְהִירָה.

אַל תְּגַלִּי לְאִישׁ
כְּשֶׁאַתְּ חוֹלֶמֶת עַל אֳנִיָּה !

# שליחות

דרײַ מאָל האָב איך געזאָגט
„הִנֵּנִי“
ווי אַבֿרהם
אויפֿן וועג צום באַרג מוריה,
ווי אַבֿרהם
אינעם ווײַסן לאַנד
פֿון זכּרון.
אײן אַבֿרהם
האָט מקבר געווען
זײַן טאַטן,
דער צווייטער
כּמעט זײַן זון.

און איך אַליין ?
כ'האָב מקבר געווען
אַ לאַנד מיט אַ שפּראַך.
„*לֶךְ־לְךָ מֵאַרְצְךָ*
*וּמִמּוֹלַדְתְּךָ*
*וּמִבֵּית אָבִיךָ*
*אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ*“
„גיי דיר אַוועק פֿון דײַן לאַנד,
און פֿון דײַן אָפּשטאַם
און פֿון דײַן פֿאָטערס הויז,
צו דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר ווײַזן.“
בין איך מיר געגאַנגען
אויף מײַן וועג,
ווי אַבֿרהם.

## שְׁיבוּת

שָׁלוֹשׁ פְּעָמִים אָמַרְתִּי
„הִנֵּנִי"
כְּמוֹ אַבְרָהָם
בַּדֶּרֶךְ לְהַר הַמּוֹרִיָּה,
כְּמוֹ אַבְרָהָם
בָּאָרֶץ הַלְּבָנָה
שֶׁל הַזִּכָּרוֹן.
אַבְרָהָם אֶחָד
קָבַר
אֶת אָבִיו,
הַשֵּׁנִי
כִּמְעַט אֶת בְּנוֹ.

וַאֲנִי עַצְמִי ?
קָבַרְתִּי
אֶרֶץ וְשָׂפָה .
*„לֶךְ־לְךָ מֵאַרְצְךָ*
*וּמִמּוֹלַדְתְּךָ*
*וּמִבֵּית אָבִיךָ*
*אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ"*.
וְהָלַכְתִּי לִי
בְּדַרְכִּי,
כְּמוֹ אַבְרָהָם.

איין אַבֿרהם
האָט געציילט די שטערן אין הימל
און די קערנדלעך זאַמד בײַם ים
און זײַנע קינדסקינדער
זענען געוואָרן אַזוי צאָלרײַך
ווי זיי.
דער צווייטער
האָט געציילט די שטערן און די גאַרבן,
די זיסע שטאָכן
פֿון ווידערגעבוירענעם ווייטיק
און די ווידערגעבוירענע סטרונעס
פֿון זײַן פֿידלרויז.

און איך אַליין ?
איך צייל די בלעטער פֿון דער גמרא
און די בלעטער פֿון אַ האַרבסטיקן בוים,
די טראַפֿן פֿון אַ ייִדישן הײַקו,
די שהחיינוס
און די „הִנֶּנִיס“.

„גיי דיר אַוועק פֿון דײַן לאַנד
און לעב אַ ייִדיש לעבן אין דער פֿרעמד !“
– „הִנֶּנִי“

„לעב זיך אויס אין דער שפּראַך
פֿונעם אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק !“
– „הִנֶּנִי“

אַבְרָהָם אֶחָד
סָפַר אֶת הַכּוֹכָבִים בַּשָּׁמַיִם
וְאֶת גַּרְגְּרֵי הַחוֹל עַל שְׂפַת הַיָּם
וְצֶאֱצָאָיו
רַבּוּ וְהָיוּ
כְּמִסְפָּרָם.
הַשֵּׁנִי
סָפַר אֶת הַכּוֹכָבִים וְהָאֲלֻמּוֹת,
הָעֲקִיצוֹת הַמְּתוּקוֹת
שֶׁל כְּאֵב שֶׁנּוֹלָד מֵחָדָשׁ
וְאֶת הַמֵּיתָרִים שֶׁנּוֹלְדוּ מֵחָדָשׁ
בְּכִנּוֹרוֹ.

וַאֲנִי עַצְמִי ?
סוֹפֶרֶת אֶת דַּפֵּי הַגְּמָרָא
וְאֶת עָלָיו שֶׁל עֵץ בַּסְּתָו,
אֶת הַהֲבָרוֹת שֶׁל הַיִּקוּ בְּיִידִישׁ
אֶת בִּרְכוֹת „שֶׁהֶחֱיָנוּ"
וְאֶת "הִנְנִי כָּאן"

„לְכִי לָךְ מֵאַרְצֵךְ
וַחֲיִי חַיִּים יְהוּדִיִּים בַּנֵּכָר !"
– „הִנְנִי"

„חֲיִי אֶת חַיַּיִךְ בִּשְׂפָתוֹ שֶׁל
הָעָם הַיְּהוּדִי הַנִּרְצָח"
– „הִנְנִי"

„זײַ אַ ייִדישע פּאָעטעסע
פֿאַרן לעבעדיקן ייִדישן פֿאָלק !“
– „הִנֵּנִי“

צי איז דאָס
דאָס אמתע שליחות
פֿון אַ כּלת־בראשית ?

„הֱיִי מְשׁוֹרֶרֶת יְהוּדִיָּה
בַּעֲבוּר הָעָם הַיְּהוּדִי הַחַי !“
– „הִנֶּנִּי“

הַאִם זוֹ בֶּאֱמֶת שְׁלִיחוּת
שֶׁל כַּלַּת־בְּרֵאשִׁית ?

# משוגענע מלאכים

משוגענע מלאכים
דרייען זיך אַרום דיר
מיט שטילע טריט,
אַז קיינער זאָל זיי ניט הערן
אַחוץ דיר.

משוגענע מלאכים
רירן דיך אָן
מיט זייערע פֿליגלען
גאַנץ צאַרט
און אומגעריכט,
אַז קיינער זאָל עס ניט פֿילן
אַחוץ דיר.

משוגענע מלאכים
באַשערן דיר אַ תּירוץ
אַפֿילו אָן אַ קשיא...

משוגענע מלאכים
שוועבן אַרום דיר
באַהאַלטן
און רואה־ואינו־ניראהדיק
אַז קיינער זאָל זיי ניט זען.

# מַלְאָכִים מְשֻׁגָּעִים

מַלְאָכִים מְשֻׁגָּעִים
סוֹבְבִים אוֹתָךְ
בִּצְעָדִים חֲרִישִׁיִּים,
שֶׁאִישׁ לֹא יִשְׁמַע
מִלְּבַדֵּךְ.

מַלְאָכִים מְשֻׁגָּעִים
נוֹגְעִים בָּךְ
בִּכְנָפֵיהֶם
בַּעֲדִינוּת רַבָּה
וּבְהֶסֵּחַ דַּעַת,
שֶׁאִישׁ לֹא יָחוּשׁ
מִלְּבַדֵּךְ.

מַלְאָכִים מְשֻׁגָּעִים
מַצִּיעִים לָךְ פִּתְרוֹן
אֲפִלּוּ לְלֹא קֻשְׁיָה

מַלְאָכִים מְשֻׁגָּעִים
מְרַחֲפִים סְבִיבֵךְ
בְּהֶחָבֵא
וּבְהֶסְתֵּר שֶׁל רוֹאֶה וְאֵינוֹ נִרְאֶה
שֶׁאִישׁ לֹא יִרְאֶה.

און דו אַליין
זעסט זיי אויך ניט,
נאָר דו שפּירסט
זייער אָטעם
און דאָס רוישן
פֿון זייערע פֿליגלען.

און דו פֿילסט
זייער באַהאַלטענע קינאה
פֿאַר דיר
צוליב די אַלע קליינע הנאָות
אויף דער וועלט,
פֿון וואָס זיי קענען ניט געניסן :

אַ טעפּל הייסע, שוואַרצע קאַווע,
אַ גלעזעלע וויַין מיט אַ חבֿרה,
אַ באַריר פֿון אַ האַנט.

משוגענע מלאכים –
אומשטערבלעכע,
ערנסטע,
צי שפּילעוודיקע –
אייפֿערזיכטיקע מלאכים.

משוגענע מלאכים
באַשערן דיר אַ תּירוץ
אויף אַ קשיא,
וואָס דו האָסט קיין מאָל
ניט געפֿרעגט...

וְאַתְּ עַצְמֵךְ
אֵינֵךְ רוֹאָה אוֹתָם
רַק חָשָׁה
בְּנְשִׁימָתָם
וּבְמַשַּׁק
כַּנְפֵיהֶם.

וְאַתְּ מַרְגִּישָׁה
אֶת קִנְאָתָם הַנִּסְתֶּרֶת
מִמֵּךְ
בִּגְלַל כָּל הַהֲנָאוֹת הַקְּטַנּוֹת
בָּעוֹלָם,
מֵהֶן הֵם אֵינָם יְכוֹלִים לֵהָנוֹת:

סֵפֶל שֶׁל קָפֶה שָׁחֹר מַהְבִּיל
כּוֹסִית יַיִן עִם חָבֵר,
מַגָּע שֶׁל יָד.

מַלְאָכִים מְשֻׁגָּעִים –
בְּנֵי אַלְמָוֶת
רְצִינִיִּים
אוֹ קַלֵּי דַּעַת
מַלְאָכִים קַנָּאִים.

מַלְאָכִים מְשֻׁגָּעִים
מַצִּיעִים לָךְ פִּתְרוֹן
לַקֻּשְׁיָה,
שֶׁמֵּעוֹלָם
לֹא שָׁאַלְתְּ ...

## די פֿאַרלוירענע כּלה

פֿאָרט אַרויס
דער באַהאַלטענער צדיק,
זוכנדיק
די פֿאַרלוירענע כּלה,
איבער ווײַטע פֿעלדער,
דורך געדיכטע וועלדער,
בלאָנדזשענדיק אין וועג,
זוכנדיק...

די כּלה איז אַוועק.

יאָגט זיך נאָך
דער באַהאַלטענער צדיק
נאָך דער באַן פֿון לעבן,
וואָס וועט אים פֿירן
צו זײַן פֿאַרלוירענער כּלה,
געטראָגן פֿון אַ ניגון
ניט פֿון דער וועלט,
לויפֿנדיק אָן אָטעם...

נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה,
דער פֿאָיעזד גייט אַוועק.

# הַכַּלָּה הָאֲבוּדָה

נוֹסֵעַ
הַצַּדִּיק הַנִּסְתָּר,
בְּחִפּוּשׂ
אַחַר הַכַּלָּה הָאֲבוּדָה,
עַל פְּנֵי שָׂדוֹת רְחוֹקִים,
דֶּרֶךְ יְעָרוֹת צְפוּפִים,
תּוֹעֶה בַּדֶּרֶךְ,
בְּחַפְּשָׂהּ...

הַכַּלָּה אֵינֶנָּה.

מְמַהֵר
הַצַּדִּיק הַנִּסְתָּר
אַחֲרֵי רַכֶּבֶת הַחַיִּים,
אֲשֶׁר תִּקַּח אוֹתוֹ
לַכַּלָּה הָאֲבוּדָה,
נִשָּׂא בְּנִגּוּן
שֶׁלֹּא מִן הָעוֹלָם,
רָץ בְּלִי נְשִׁימָה...

עוֹד שָׁעָה וְעוֹד שָׁעָה,
הָרַכֶּבֶת כְּבָר יוֹצֵאת.

שטײַגט אויף
דער געטלעכער ניגון
אַזש ביזן כּיסא־הכּבֿוד,
אויב ניט נאָך העכער אַפֿילו.
זעט דער באַהאַלטענער צדיק
שוין זײַן פֿאַרלוירענע כּלה.
ווילֿ ער איר אַ קוש טאָן
ווי אַ הייליקער ספֿר־תּורה...

נאָך אַ קוש און נאָך אַ קוש,
נאָר די באַן גייט שוין אַוועק.

יאָג זיך, צדיק,
יאָג זיך, חבֿר,
ווײַל די באַן פֿון לעבן
גייט באַלד אַוועק !

עוֹלֶה
הַנִּגּוּן הָאֱלֹהִי
עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד,
אִם לֹא לְמַעְלָה מִזֶּה.
רוֹאֶה כְּבָר הַצַּדִּיק הַנִּסְתָּר
אֶת הַכַּלָּה הָאֲבוּדָה שֶׁלּוֹ.
רוֹצֶה הוּא לְנַשְּׁקָהּ
כְּנַשֵּׁק סֵפֶר תּוֹרָה קָדוֹשׁ...

עוֹד נְשִׁיקָה וְעוֹד נְשִׁיקָה,
אַךְ הָרַכֶּבֶת כְּבָר זָזָה לְדַרְכָּהּ.

מַהֵר, צַדִּיק,
מַהֵר, חָבֵר,
כִּי רַכֶּבֶת הַחַיִּים
כְּבָר מִסְתַּלֶּקֶת !

חיקע ברוריה וויגאַנד איז די וואָלף־קאָראָב־לעקטאָרשע פֿון ייִדיש אינעם אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העברעיִשע און ייִדישע שטודיעס (אָקספֿאָרדער אוניווערסיטעט). זי אַרבעט אויך ווי אַ ייִדיש־לערערין אין לאָנדאָן און פֿירט אָן מיט דער לאָנדאָנער ייִדיש־סבֿיבֿה. שוין אַ סך יאָרן שרײַבט זי פּאָעזיע אויף ייִדיש. זי האָט פֿאַרעפֿנטלעכט עטלעכע לידער אין די ניו־יאָרקער פּובליקאַציעס *פֿאָרווערטס*, *יוגנטרוף* און די *צוקונפֿט*, אין די פּאַריזער פּובליקאַציעס דער ייִדישער *טעם־טעם*, *ייִדישע העפֿטן* און *גילגולים*, אינעם *ירושלימער אַלמאַנאַך*, אינעם אינטערנעץ־זשורנאַל *דער באַוועבטער ייִד* און אין דער אַנטאָלאָגיע *טראָט בײַ טראָט : הײַנטצײַטיקע ייִדישע פּאָעזיע*, רעדאַקטירט פֿון עליסאַ בו־פּורת און מאַרגעריטאַ פּאַסקוטשי (Verbarium / Quodlibet 2009). איר ערשטע צוויי־שפּראַכיקע זאַמלונג איז אַרויס אינעם ה. לייוויק־פֿאַרלאַג אין תּל־אָבֿיבֿ אין 2012 אונטערן טיטל *צי האָט איר געזען מײַן ציג ? און אַנדערע לידער*.

חיקע ברוריה וויגאַנד איז אויך אַן איבערזעצערין פֿון ייִדיש און האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ צוויי־שפּראַכיקע אויסגאַבע פֿון א.נ. שטענצלס פֿריִער פּאָעזיע צוזאַמען מיטן ענגלישן פּאָעט סטיוון וואָטס (Five Leaves 2007), ווי אויך אַן איבערזעצונג פֿון אַ בוך זכרונות פֿונעם גראָדנער שרײַבער לייב רייזער וועגן זײַנע איבערלעבונגען בעת די מלחמה־יאָרן אין ווײַסרוסלאַנד (יד־ושם 2009). זי האָט אַ מאַגיסטער־דיפּלאָם אין העברעיִשע און ייִדישע לימודים פֿונעם לעאָ־בעק־קאָלעדזש אין לאָנדאָן און אַ דאָקטאָראַט פֿונעם אוניווערסיטעט־קאָלעדזש־לאָנדאָן. איר דיסערטאַציע פֿאַרנעמט זיך מיט קבלה־מאָטיוון אין באַשעוויסעס ווערק. זי האָט געלייענט רעפֿעראַטן וועגן פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿון באַשעוויסעס, אַהרן צייטלינס, א.נ. שטענצלס און יעקבֿ פֿרידמאַנס ווערק, ווי אויך וועגן הײַנטצײַטיקער ייִדישער פּאָעזיע, אויף קאָנפֿערענצן און סעמינאַרן אין לאָנדאָן, אָקספֿאָרד, פּאַריז, דיסלדאָרף, סטאָקהאָלם, ראַווענאַ, וואַרשע, מאָסקווע, טשערנאָוויץ, ווין, תּל־אָבֿיבֿ, ניו־יאָרק, באָסטאָן און אָטאַוואַ.

חיקע ברוריה ויגנד היא מרצה בקתדרה ע"ש וולף־קורוב באוניברסיטת אוקספורד במרכז ללימודי ידייש ועברית. בנוסף, חיקע עובדת כמורה ליידיש בלונדון ומנהלת שם את החוג של דוברי השפה. מזה שנים רבות כותבת שירה ביידיש. שיריה פורסמו בניו יורק ב־*פארווערטס*, *יונגטרוף*, *צוזונפט*, בכתבי עת בפאריז *דער יידישער טעם־טעם*, *יידישע העפטן*, *גלגולים*, ב־*ירושליימער אלמאנך*, בכתב העת האינטרנטי *דער באוועבטער ייד* ובאנתולוגיה *טראָט בײַ טראָט*, *שירת יידיש בת זמננו*, בעריכת עליזה בן־פורת ומרגריטה פסקוצ'י. ספר השירים הראשון הדו־לשוני שלה יידיש־עברית הופיע בהוצאת ה. לייוויק בתל־אביב בשנת 2012.

# אינהאַלט
# תוכן העניינים

אַ דאַנקוואָרט . . . . . . . . . . . . . 8
דברי תודה . . . . . . . . . . . . . 10

כלת־בראשית . . . . . . . . . . . . . 12
כַּלַּת־בְּרֵאשִׁית . . . . . . . . . . . . . 13

שיר־השירימדיקע פֿונקען
*נִיצוֹצוֹת שֶׁל שִׁיר הַשִּׁירִים*

שיר־השירימדיקע פֿונקען . . . . . . . . . 18
נִיצוֹצוֹת שֶׁל שִׁיר הַשִּׁירִים . . . . . . . . 19

ידיד־נפֿש . . . . . . . . . . . . . 20
יְדִיד־נֶפֶשׁ . . . . . . . . . . . . . 21

שלום־עליכם. . . . . . . . . . . . . 24
שָׁלוֹם־עֲלֵיכֶם . . . . . . . . . . . . 25

ריר ניט אָן... . . . . . . . . . . . . 28
אַל תִּגַּע... . . . . . . . . . . . . 29

זײַ רויִק, מײַן האַרץ ! . . . . . . . . . . 32
הֱיֵה רָגוּעַ, לִבִּי ! . . . . . . . . . . . 33

האַרבסטיקע לידער . . . . . . . . . . . 36
שִׁירֵי סְתָו. . . . . . . . . . . . . 37

טרינקען אַ לחיים . . . . . . . . . . . 38
לִשְׁתּוֹת לְחַיִּים . . . . . . . . . . . 39

אַ גרוס פֿונעם לאַנד פֿון חלומות
*דְּרִישַׁת שָׁלוֹם מֵאֶרֶץ הַחֲלוֹמוֹת*


אַ גרוס פֿונעם לאַנד פֿון חלומות . . . . . . . . 44
דְּרִישַׁת שָׁלוֹם מֵאֶרֶץ הַחֲלוֹמוֹת . . . . . . . . 45

ווען די מלאכים דערוואַכן . . . . . . . . . 48
כְּשֶׁמַּלְאָכִים מִתְעוֹרְרִים. . . . . . . . . 49

אַ חלום פֿון גאַנצקייט . . . . . . . . . . 52
חֲלוֹם עַל שְׁלֵמוּת . . . . . . . . . . 53

אַ באַגעגעניש . . . . . . . . . . . 56
פְּגִישָׁה . . . . . . . . . . . . 57

בענקשאַפֿט . . . . . . . . . . . . 58
גַּעְגּוּעַ. . . . . . . . . . . . . 59

צייַטן פֿונעם ווינט . . . . . . . . . . 60
עִתּוֹת הָרוּחַ . . . . . . . . . . . 61

שטיין פֿון זכּרון . . . . . . . . . . . 62
אֶבֶן זִכָּרוֹן. . . . . . . . . . . . . .63

קרעפּלעך אין חלום . . . . . . . . . . 66
קְרֶפְּלָךְ בַּחֲלוֹם . . . . . . . . . . . 67

ווּ איז דאָס געסעלע ? (פּרק ב׳) . . . . . . . 70
אֵיפֹה הַסִּמְטָה ? (פֶּרֶק ב׳) . . . . . . . . . 71


עס קלינגען ניט קיין גלאָקן
*אֵין צִלְצוּל פַּעֲמוֹנִים*


עס קלינגען ניט קיין גלאָקן . . . . . . . . . 76
אֵין צִלְצוּל פַּעֲמוֹנִים . . . . . . . . . . 77

צי איז דאָס אַ חלום, וואָס פֿאַרגייט ? . . . . . . 78
הַאִם חֲלוֹם זֶה, בַּר חֲלוֹף ? . . . . . . . . . 79

מייַנע חלומות . . . . . . . . . . . . . . 82
חֲלוֹמוֹתַי . . . . . . . . . . . . . . . 83
אומרויִק . . . . . . . . . . . . . . . 86
לֹא רָגוּעַ . . . . . . . . . . . . . . . 87
פֿײַער און פֿלאַם . . . . . . . . . . . . . 90
אֵשׁ וְלֶהָבָה . . . . . . . . . . . . . . 91
ברעקלדיק . . . . . . . . . . . . . . 94
מְפֹרָר . . . . . . . . . . . . . . . 95
איך בין די זאַמלערין פֿון שהחיינוס . . . . . . . . 96
אֲנִי הָאַסְפָנִית שֶׁל „שֶׁהֶחֱיָנוּ“ . . . . . . . . 97
נאַכט . . . . . . . . . . . . . . . 98
לַיְלָה . . . . . . . . . . . . . . . 99
ייִדישע הײַקוס . . . . . . . . . . . . 102
הַיְקוּס בְּיִידִישׁ . . . . . . . . . . . . 103
דורך פֿײַער און דורך וואַסער . . . . . . . . 108
בָּאֵשׁ וּבַמַּיִם . . . . . . . . . . . . . 109
ווען עס חלומט זיך דיר פֿון אַ שיף... . . . . . . . 110
כְּשֶׁאֳנִיָּה מוֹפִיעָה בַּחֲלוֹמֵךְ... . . . . . . . . 111
שליחות . . . . . . . . . . . . . . . 114
שְׁלִיחוּת . . . . . . . . . . . . . . . 115
משוגענע מלאכים . . . . . . . . . . . . 120
מַלְאָכִים מְשֻׁגָּעִים . . . . . . . . . . . 121
די פֿאַרלוירענע כּלה . . . . . . . . . . . 124
הַכַּלָּה הָאֲבוּדָה . . . . . . . . . . . . 125

חיקע ברוריה וויגאַנד . . . . . . . . . . . 128
*חיקע ברוריה ויגנד* . . . . . . . . . . . 129